252

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 5־394) פינף און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו. 1964 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

1 צום 00סטן געבורטסטאג פונם קליינעם מענטשעלע, יזכור תשכ״ה א.א. **

5 דער זיידע מרדכי ........ מאיר גערטנער

13 דרום אפריקא (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש

13 א בריוו פון א יונגער אפטייקערין (הומארעסקע) ........ משה בעקערמאן

15 א גאסט אויף א ווייל (פון א נסיעה אין ישראל) ........ מנשה וויסגראז

25 צווייגן, נישט פארצווייפלען, דו א נענופאר (לידער) ........ ירחמיאל ברוקס

פונם תוהו ובוהו ארויס . . . (פראזע) אקטאבער וואריאציעס (לידער) ........
27 א. נ. שטענצל

47 מלך ראוויטש (צו זיין ווערן א בן שבעים) ........ יחזקאל בראנשטיין

48 אינם כישוף־קרייז פון מזל בתולה ........ ל. פוקס

50 לייזער אלמאן ע״ה (נעקראלאג) ........ אייזיק גאלדבערג

51 פרייע פלאטפארמע ........ אהרן ר. ראלן

דער געשיכטלעכער פראצעס פון דער אידישער אסימילאציע אין ענגלאנד
52 י. א. ליסקי

בערל ראזנער ע.ה.

יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

לנאי קריען און פרוי וויס־פרעזידענט פון בית ציון ווינטשן א כוח״ט זייער קרובים און פריינט.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינ־דער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

מ. בערשטיין און פרוי ווינטש זייערע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

עלע זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברו־דער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

פרוי גוסטע נעפמאן ווינטשן אירע קינ־דער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ע. מייקעלס, איך ווינטש מיינע ברודער, קינדער און פריינט א גוט געזונט יאר.

נחום שטענצל, פרוי און טאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ברכתי לשנה התדשה צו מיינע קינדער, צו מיין משפחה וכלל ישראל שנה טובה — ח. נ. בענקוויטש.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

מארי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון״ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1. ווינטשט איר ברודער, און פאמיליע און אלע פרייד א גוט און גליקלעך יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתי־מה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמעריקע, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט יאר.

לשנה טובה תכתבו צו מיינע קינדער און זייערע משפחות און אלע פריינט פון „לשון און לעבן״ — פרץ אקערמאן.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

איך ווינטש מיין משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה — פרוי י. מאנדלבוים.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ״ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמ־בערס פון נעלסאן שול און דעם רבין א כתיבה וחתימה טובה.

איך ווינטש מיין ברודער משה, זיין פרוי און קינדער ווי איך אלע פריינט פון דער יידישער קולטור איבעראל, א געזונט און פריילעך יאר — לז אלמאן, מאנטשעסטער.

פארזיצערן פון איסט לאנדאן „וויצ״א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמ־בערס פון וויצ״א, בית ציון און „לשון און לעבן״ א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט דא, אין אמעריקע און אין ארגענטינע א געזונט און גליקלעך יאר.

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 5׳סטן סעפטעמבער — א ראש השנה פראגראם — ח. נ. בעקוויטש.
שבת, דעם 12׳טן, פרץ, שלום עליכם יום כיפור מאטיוו — נעט רובין, י. ביעטש.
שבת, דעם 19׳סטן — לכבוד סכות געזאנג און הומאר — מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם 26׳סטן — טראדיציאנעלע שמחת־תורה־פייערונגן — אני נאדלער.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 5־394) פינף און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו. 1964 לאנדאן

## צום 100־סטן געבורטסטאג פון „קליינעם מענטשעלע"

1.

אין צווייטן טאג נאוועמבער, 1964 ווערט 100 יאר ווי שלום יעקב אבראמאוויטש, דער העברעאישער שרייבער, משכיל און פעדאגאג האט אנגעהויבן צו דרוקן זיין ערשט יידיש בוך „דאס קליינע מענטשעלע" אין צעדערבוים׳ס „קול מבשר", אונטערן פסעוודאנים „מענדעלע מוכר ספרים".

עס איז אים, דעם הומאניסט און תלמיד חכם, ענג געווארן אין די ד׳ אמות של הלכה, האט ער זיך געלאזן, — אויפן בראט פון זיין פערדל! — מיט זיין וואקלדיק ספרים־בידל קיין גלופסק, אויפן שול־הויף, דארט וו ס׳ווימלט מיט עמך און וו די פני פירט די גרענדע.

איז אט דאס פארהונגערטע פערדל מיט אויסגעצופטן, עק — וויפיל קונדסים האבן דאס נישט סטרונעס פון אים געריסן! — געווארן דער פיגאז פון דער יידישער ליטעראטור: „נו חכם מיינער — רוף איך מיך אן אנגעמענדיק אים, דעם שלומזל מיינעם ביי דער פאה, טשופרינע היסט עס: דיר קומט היינט א סך האבער, דו האסט טאקע געטון א גרויסע חכמה, וואס דו האסט מיך געפירט קיין גלופסק, מיט דער חכמה האסטו געבראכט נוצן אי מיר אי דער יידישע ליטעראטור".

און אט אזוי האפערדיק אויף דער קעלניע פון זיין צעבראכן ספרים־בידל, אנגעפראפט מיט סליחות, מיט תחינות און מיט כל טוב פון ווייבערישע „לב טוב"׳ס און קו ישר׳ס, אויסשמועסנדיק זיך, כדבר איש אל רעהו, מיט זיין בידנעם פערדל, האט זיך אויסגעסטראיעט דער מענדעלע־נוסח — יידישלעך האראפאשנע! — און ס׳האט זיך געשאפן, סאציאל און קינסטלעריש דאס ערשטע שלימותדיקע בוך פון דער יידישער ליטעראטור: „דאס קליינע מענטשעלע".

וואס קאן זיין א בעסערער פרווושטיין פאר א קונסטווערק, אז נאך הונדערט יאר און ס׳האט נישט פארלוירן זיין קוראנטן ווערט. אומגעקערט! ווי א גאלדן רענדל, וואס איז עובר לסוחר, טראגט עס נאך און זיך די אנגעוואקסענע פראצענטער פון די אלע יארן — איבער עכטן גין־גאלד איז נישט שולט קיין זשאווער!

ווי וווּנדערלעך, דאכט זיך טענדענץ, מאראל און אזוי נחתדיק נוסחדיק. דער כסדרדיק רעפליק „נישט דאס בין איך אויסן", איז טאקע דווקא דערפאר ווייל ער איז כסדר רק אויסן! א בוך כולה טענדענץ, אבער ווי איז עס „קינסטלעריש אויסגעהעמערט: „כלה מקשה אחת זהב טהור" — איין גאלדענע גאנצקייט.

---

## יהודה ביעטש, ע״ה

בשעתן שליסן דעם היינטיקן נומער „לשון און לעבן" האבן מיר באקומען די טרויעריקע ידיעה, אז יהודה י. ביעטש, דער פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש־לשון, איז געשטארבן.

דער נפטר האט לעצטנס אדורכגעמאכט אן אפעראציע, וואס האט אויסגעזען צו זיין געלונגען, אבער פלוצלינג איז אריינגעטרעטן א קאמפליקאציע און ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה מוצאי שבת קודש, יח מרחשון, תשכ״ה, דעם 24סטן אקטאבער, 1964.

יהודה י. ביעטש, אונזער לאנג־יעריקער פרעזידענט, איז נישט נאר געווען באליבט ביי אונז, נאר אינם היגן יישוב בכלל, ווי א שרייבער און א וויכטיקער קולטור־טוער. ער איז געווען איינער פון די מיטגרינדערס פון בן־אורי קונסט־גאלעריע, און אין משך פון די אלע יארן זער טעטיק אלס וויצע־פרעזידענט.

דער עמך־מענטש און בעל־מידות, יהודה י. ביעטש, וועט אונז אלעמען אויספעלן. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

---

די רעדאקציע פון „לשון און לעבן" דריקט אויס איר טיפן צער צוליב דעם אומגעריכטן טויט פון איר לאנג־יעריקן מיטארבעטער יהודה י. ביעטש.

---

אין שייכות מיטן פלוצלינגדיקן טויט פון יהודה י. ביעטש, אונזער פרעזידענט, דריקן מיר אויס אונזער טיפע מיטלייד צו דער אלמנה, דער טאכטער און דעם איידעם, שוועסטער און ברידער אין זייער. גרויסער אבידה.

„פריינט פון יידיש־לשון"

צום טויט פון יהודה ביעטש, דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער אלמנה, טאכטער, איידעם, ברידער, שוועסטער און קרובים פונם נפטר.

אין נאמען פון סקערוויוויצער־ראווער־פעראיין מ. קופער.

צו די שלושים נאכן טויט פון יהודה י. ביעטש וועט אין בן־אורי פאר[illegible] אפגעהאלטן ווערן א הזכרה.

---

## רעדאקציע נאטיץ

צוליב טעכנישע סבות — די קולטור־ידיעות אין נעקסטן נומער. מיר באדויערן זער וואס פון די ראש־השנה ה׳אונטשן איז ארויסגעפאלן דער ראש־השנה וואונטש פון אברהם בערמאן און זיין זון דוד.

## זונטיק אין בן - אורי

זונטאג, דעם 1׳טן נאוועמבער, 8 אזייגער אין אוונט, א פרץ־אוונט אין בן־אורי פאריין, דיען סטריט 21. יידל גאלדבערג, דער באקאנטער אקטיאר, וועט לייענען „באנטשיע שווייג": מאיר באגדאנסקי וועט זינגען לידער פון פרצן: און עס וועלן זיך אויך באטייליקן אייזיק גאלדבערג און נעט רובין. די הונדערט־יאר־מענדעלע־פייערונג אין בן־אורי פאריין — קומענדיקן חודש.

## 2.

אין פלוג איז דאס קליינע מענטשעלע, אין אנהויב פון דער דערציילונג, ווען דער יתום, דאס יינגל יצחק אברהמל, זיכט עס אין די מוטערס אויגן און דאס שפעטערע, דער שוין אויסגעוואקסענער יצחק אברהם תקיף, — דער טיפ פון דער דערציילונג! — צוויי פארשיידענע קליינע מענטשעלעך. אבער אין דער אמתן זיינען זיי איינס און דאס זעלבע —

אויסגעהאדעוועט מיט דער מאמעס מילך: „נארעלע, דאס קליינע מענטשעלע איז די נשמה, נישט אין קיינעמס אויגן, נישט אין די אויגן פון בהמות און חיות, נאר אין יידישע אויגן“, דערצויגן מיטן מלמדס קאנטשיק און מייסטערס סטוסקעס, וואקסט שפעטער אויס א יצחק אברהם תקיף און מיט אלע זיינע פאברעכנס איז ער גאט די נשמה שולדיק. ער לעבט זיך אויס זיין צביעותדיק לעבן מיט דער גרויסער איסר ווארגער־פילאזאפיע: „ליבשאפט — דאס איז א דעקטוך וואס אונטער וועלכן עס לאזט זיך גרינגער איינער דעם אנדערן צו זיך אויף א צייט ארייננארן.“

זאבאבאנעס, אבערגלויבן איז די מאמע פון צביעות און כיטרעקייט! עס איז הא בהא תליה!

אז אט די „לעבנס באשרייבונג, — בעסער געזאגט די ווידוי! — „פון יצחק אברהם תקיף“, די שווארץ. ווייסע קויל־צייכענונג, איינגערעמט אין א שמאראגד־גרינעם ראמען פון יידישלעכער נאטור־שילדערונג, ווו דאס שווארץ־ווייסע לייכט שפיגלדיק אויף פערלמוטערן און פארמעטדיק, איז דאס ערשטע שלימותדיק בוך פון דער יידישער ליטעראטור, איז קיין וואונדער נישט, אז די ליטעראטור איז זיך צעוואקסן מיט אזא רעאליסטישן ראמאן, מיט אזא פיקחותדיקע פארנעם און פארנעמט אן אנגעזעענעם פלאץ אין דער אייראפעאישער ליטעראטור.

„דאס קליינע מענטשעלע“ איז דער ערשטער, גאנץ אויסגעהאלטענער, לעבעדיקער טיפ — דער באשאפענער האמונקולוס פון דער מאדערנער יידישער פראזע.

שלום —יעקב אבראמאוויטש, מענדעלע מוכר־ספרים האט פון פאלק צו־באקומען נאך א פסעוודאנים: „דער זיידע“, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור, און ער האט נאך זוכה געווען ביי זיין לעבן צו זען די אייניקלעך און אור־אייניקלעך — די שאפערס פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור.

### יזכור תשכ״ה

(צום 20׳סטן שלום יאר)

יזכור, און אז כ׳זאל אויסוויינען מיינע אויגן,
די נשמות פון די קדושים באקלאגן,
בלויז פאר מיין שוועסטער צומאל ס׳וועט נישט סטייען —
כאטש זעקס מיליאן פאר אויגן געמוזט פארמאגן!



גלאנצן זיי אויף מלאך־המותדיק, בלוטיק,
ווי די טויזנט טייוולס אויגן פונם שטן,
נישט מיט טרערן־קוואלן — נקמה־קנאידיק,
ווי נישט ווי דער חשבון־צדק זאל געראטן:

וויפיל לעבנס די דייטשן אוועקגעגעבן,
ברעסלאו בלויז, קאנטס קעניגסבערג, צוריקצוקריגן;
א שפיל אין סאלדאטן פאר זיי א פריש בלוט־באד —
זעקס מיליאן העלדן צו פאלן ווי די פליגן!

ערשט לייפציק, דרעזדן, שילערס און געטע׳ס ווײמאר!
אדער־נייסע נישט אזויפיל וואסער האבן,
וויפיל בלוט זייערס דערפאר אוועקגעגעבן — —
פאר דער וואנט לעבעדיק פאר שאנד זיך באגראבן!

וואלטן זיי נאר די אטאם־באמבע שוין געהאט,
א, איין דריק בלויז די גאנצע ערד צוצעשטערן;
„דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס“, דאס „הערן פאלק“:
אדער, אדער! גאנצע וועלט מוז זיי געהערן.

און די יידס, זייערע וועלט־רייזע־אנגענטן,
נאר צוצווארפן זיי נאך א צוויי מיליארדן!!
די וואסער־באמבע זי ווערט שוין פערטיק געמאכט,
מיט די וואסערן פון יענער זייט פון ירדן.

און איך וואס וואלט איך געקענט טון פאר די קדושים,
מער ווי נעמען שילומים און דרוקן לידער?
א בוים אין יעדר קדושים נאך פארפלאנצן!
און ווי געוועזן וואלט אלץ געוועזן ווידער:

דרעזדן די וואונדערלעכע, די דויטשע קונסט שטאט,
און פאר בערלין — נוייארק זיך געמעגט באהאלטן!
זעקס מיליאן „דזשוס“? ווייס איך וואס? די דויטשע קולטור!
און אלץ וואס געווען געבליבן ביים אלטן.

יזכור געדענקט צום גוטן, איר מאסקאוויטער!
רוסן? קאמוניסטן? ווי איר זאלט נישט הייסן!!
פאר אונזערע צעריסענע טויזנט שטעטלעך,
אפגעריסן פון דייטשלאנד שלעזיען און פרייסן.

יא, אז געדענקן ס׳זאל די וועלט די געטא־ווענט,
איז צווישן די צוויי בערלינס די וואנט געצויגן;
לזכור ברית־עולם אזא בלוט באד, א מבול,
לאווא־ווולקאן פארגליווערטער רעגנבויגן —

2.

אין פלוג איז דאס קליינע מענטשעלע, אין אנהויב פון דער דערציילונג, ווען דער יתום, דאס יינגל יצחק אברהמל, זיכט עס אין די מוטערס אויגן און דאס שפעטערע, דער שוין אויסגעוואקסענער יצחק אברהם תקיף, — דער טיפ פון דער דערציילונג! — צוויי פארשיידענע קליינע מענטשעלעך. אבער אין דער אמתן זיינען זיי איינס און דאס זעלבע —

אויסגעהאדעוועט מיט דער מאמעס מילך: „נארעלע, דאס קליינע מענטשעלע איז די נשמה, נישט אין קיינעמס אויגן, נישט אין די אויגן פון בהמות און חיות, נאר אין יידישע אויגן", דערצויגן מיטן מלמדס קאנטשיק און מייסטערס סטוסקעס, וואקסט שפעטער אויס א יצחק אברהם תקיף און מיט אלע זיינע פאברעכנס איז ער גאט די נשמה שולדיק. ער לעבט זיך אויס זיין צביעותדיק לעבן מיט דער גרויסער איסר ווארגער־פילאזאפיע: „ליבשאפט — דאס איז א דעקטוך וואס אונטער וועלכן עס לאזט זיך גרינגער איינער דעם אנדערן צו זיך אויף א צייט ארייננארן."

זאבאבאנעס, אבערגלויבן איז די מאמע פון צביעות און כיטרעקייט! עס איז הא בהא תליה!

אז אט די „לעבנס באשרייבונג, — בעסער געזאגט די ווידוי! — „פון יצחק אברהם תקיף", די שווארץ. ווייסע קויל־צייכענונג, איינגערעמט אין א שמאראגד־גרינעם ראמען פון יידישלעכער נאטור־שילדערונג, ווו דאס שווארץ־ווייסע לייכט שפיגלדיק אויף פערלמוטערן און פארמעטדיק, איז דאס ערשטע שלימותדיק בוך פון דער יידישער ליטעראטור, איז קיין וונדער נישט, אז די ליטעראטור איז זיך צעוואקסן מיט אזא רעאליסטישן ראזמאך, מיט אזא פיקחותדיקע פארנעם און פארנעמט אן אנגעזעענעם פלאץ אין דער איראפעאישער ליטעראטור.

„דאס קליינע מענטשעלע" איז דער ערשטער, גאנץ אויסגעהאלטענער, לעבעדיקער טיפ — דער באשאפענער האמונקולוס פון דער מאדערנער יידישער פראזע.

שלום —יעקב אבראמאוויטש, מענדעלע מוכר־ספרים האט פון פאלק צו־באקומען נאך א פסעוודאנים: „דער זיידע", דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור, און ער האט נאך זוכה געווען ביי זיין לעבן צו זען די אייניקלעך און אור־אייניקלעך — די שאפערס פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור.

## יזכור תשכ"ה

(צום 20'סטן שלום יאר)

יזכור, און אז כ'זאל אויסווייגען מיינע אויגן,
די נשמות פון די קדושים באקלאגן,
בלויז פאר מיין שוועסטער צומאל ס'וועט נישט סטייען —
כאטש זעקס מיליאן פאר אויגן געמוזט פארמאגן!



גלאנצן זיי אויף מלאך־המותדיק, בלוטיק,
ווי די טויזנט טייוולס אויגן פונם שטן,
נישט מיט טרערן־קוואלן — נקמה־קנאידיק,
ווי נישט ווי דער חשבון־צדק זאל געראטן:

וויפיל לעבנס די דייטשן אוועקגעגעבן,
ברעסלאו בלויז, קאנטס קעניגסבערג, צוריקצוקריגן;
א שפיל אין סאלדאטן פאר זיי א פריש בלוט־באד —
זעקס מיליאן העלדן צו פאלן ווי די פליגן!

ערשט לייפציק, דרעזדן, שילערס און געטע'ס ווימאר!
אדער־נייסע נישט אזויפיל וואסער האבן,
וויפיל בלוט זייערס דערפאר אוועקגעגעבן — —
פאר דער וואנט לעבעדיק פאר שאנד זיך באגראבן!

וואלטן זיי נאר די אטאם־באמבע שוין געהאט,
א, איין דריק בלויז די גאנצע ערד צוצעשטערן;
„דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס", דאס „הערן פאלק":
אדער, אדער! גאנצע וועלט מוז זיי געהערן.

און די יידס, זייערע וועלט־רייזע־אגענטן,
נאר צוצווארפן זיי נאך א צוויי מיליארדן!!
די וואסער־באמבע זי ווערט שוין פערטיק געמאכט,
מיט די וואסערן פון יענער זייט פון ירדן.

און איך וואס וואלט איך געקענט טון פאר די קדושים,
מער ווי נעמען שילומים און דרוקן לידער?
א בוים אין יער קדושים נאך פארפלאנצן!
און ווי געוועזן וואלט אלץ געוועזן ווידער:

דרעזדן די וונדערלעכע, די דויטשע קונסט שטאט,
און פאר בערלין — נויארק זיך געמעגט באהאלטן!
זעקס מיליאן „דזשוס"? וויים איך וואס? די דויטשע קולטור!
און אלץ וואס געווען געבליבן ביים אלטן.

יזכור געדענקט צום גוטן, איר מאסקאוויטער!
רוסן? קאמוניסטן? ווי איר זאלט נישט הייסן!!
פאר אונזערע צעריסענע טויזנט שטעטלעך,
אפגעריסן פון דייטשלאנד שלעזיען און פרייסן.

יא, אז געדענקן ס'זאל די וועלט די געטא־ווענט,
איז צווישן די צוויי בערלינס די וואנט געצויגן;
לזכור ברית־עולם אזא בלוט באד, א מבול,
לאווא־ווולקאן פארגליווערטער רעגנבויגן —

אז רויב־און רציחה־באגער באגרענעצט ווערט,
די נאטור גרענעצן איצט נייסע און אדער !!
א, אז נישט אפגעפטרט זעקס מיליאן קדושים,
מיטן בלויז „מלא רחמים” און „שנדר”.

## דער 23־טער עקומענישער קאנסיל

ווי עקומעניש־קאמיש, ווי עקאנאמיש,
די ווייררויך־פארנעפלטע פארגלייזטע אויגן ;
אויף די קני, הויקערדיק, בייכלדיק קריכעריש,
סיקנדיקע קרייץ־שלאנג אין דרייען געבויגן.

די שלאנגען־באשווערער שושקען מורמלען, פרעפלען,
און זי דרייט זיך אין איר בויך־טאנץ צו פייפל — —
בלויז וואס מיצקע דרינען אונזער מצווה־טענצל,
טראגיש ארייגעדרייט אין טאנץ פארן טייוול ?

אין זייט פאטשיילע האלט געזונטע נאנע,
די צווייטע רבל מיט א היסטל א שוואכן — —
א, גאט ווער ווייסט מיט וואס פאר הייליקער בתולה,
מען וועט דיך נאך דארט אצינד חתונה מאכן ?

מיט וואסער חופה־קוילעטש מ׳וועט דאס אויפטאנצן ?
מען האלט דאך אים אזוי לאנג אין איין פארפלעכטן ! . . .
עפעס גלויבט זיך נישט אין א גאט־קינד פון ליבע,
וואס מען מוז פאר אים יידישע קינדערשעכטן . . .

## „. . . מעולם ועד עולם אתה אל”

א מכשף אין פינסטערער הייל,
מיט די שפרוכן זיינע ער ציט דעם קרייז,
ער דרייט זיך אזוי לאנג אין עיגול,
ביז ער גייט אויף אין פלאם פון אלדעס־בייז ;

גאנצער ארום ווערט אנגעצינדן,
שיסט אויף אין וואלקן־רויך, אין פייער־פלאם !
פונקן סנאפעס שפריצן, פלאקערן,
אלצדינג אויף אש פארברענט מיט אים צוזאם —

אזוי דריי איך מיך ארום אין וועלט,
אין דער חשכות־בלינדער פינסטערער הייל,
מורמלענדיק יענעם הצלה־שפרוך,
„. . . מעולם ועד עולם אתה אל”.



אז וואס איז דען אן אטאם־באמבע ?
א פארמול אזא פונם סמך־מם !
צונויפשטעלן דעם צרוף אצינד,
פון גאטס נאמען, פון זיין הייליקן שם.

## 25 יאר לשון און לעבן
(סאנעט)

מישטיינסגעזאגט ווער ברויך נאך דא מיין שרייבן,
און זיי, די פון וועלכע איך האב געשריבן ;
זיי האט מען ווי די שאף צונויפגעטריבן,
אז קיין איינער פון זיי נישט איבערבלייבן.

ווילאנג קאן מען ווערטער ווי פערל קלייבן ?
סילען — ס׳הארץ לעכערן זיפ צעריבן ?
זעקס מיליאן מצבות שטעלן — כ׳בין געבליבן !
סיזיפוס־כוחות בלויז זיי אויפצוהייבן.

שטיי איך דא א טויזנט־טירן־לאבערינט,
ביי א געטא־וואנט אהערגעטאפט מיך בלינד,
און שטיין אזוי, ביז בלייבן איך וועל פארשטיינט.

יא, עס וועלן זיין אותיות אויסגעקריצט,
די לעצטע מיט די לעצטע ציין כ׳קריץ זיי איצט,
ניין, נישט ווערטער צו ווערן געליינט — געוויינט.

## מאיר גערטנער

## דער זיידע מרדכי

בראשית : צוויי קארפאטנדערפער אין מאראמארעש

אינם צפונדיקן שטח פונעם קארפאטנגעבערג ליגט די קליינע פעלקערא־נזל מאראמארעש, ארומגערינגלט מיט פארשיידענע שכנדיקע לענדער : בוקאווינע פון מזרח, גאליצי־ע און רוטעניש־סלאוואקיי פון צפון, און טראנסילוואניע פון דרום. אונגארן איז איר מערבדיקער שכן. באפעלקערט על־פי־רוב פון רומענער און רוטענער־רוסניאקען, האט זי אויך באזעסן דריי אנדערע עטנישע תושבים : א קליינע גרופע דייטשען („ציפסן”), א דינע שיכט מאדיארישע רעגירונגסבעאמטע — מאראמארעש איז געווען אן עסטרייך־אונגארישע פראווינץ — און א חתיכה־הראוייה־להתכבדיקע יידישע באפעלקערונג. די יידן, אפשטאמענדיק פון די מזרח־צפונדיקע שכנים־לענדער, האבן גערעדט יידיש מיט א גאליציאניש־אוקריינישער אויסשפראך, אבער מיט אן אייגענעם מאראמארעשן חיתוך־הדיבור. געווען אויך דערפער וואו יידען האבן גערעדט א מין ליטווישען מבטא ; א ראייה אז זייערע ערשטע באווינער זיינען געווען ליטוואקעס. די יידן פון איין דארף, פון יויד, האבן געהאט דעם ביינאמען „חכמי יויד” ; מן הסתם אמאל געהאט ליטווישע לומדים פאר תושבים, א יקר־המציאות אין יענע ערשטע צייטן צווישן די פויערים, בעל־מלאכות און סוחרים־רוכלים וואס זענען געקומען פון אוקריינע גאליציע אדער בוקאווינע.

דעם זיידע מרדכיס פאמיליע זענען אפנים געווען ערדארבעטער, אפשר קליינע גוטבאזיצער, און דעריבער דער משפחה־נאמען גערטנער.

שטאמען האט ער געשטאמט פון דעם קליינעם דארף מיטעלווישיווע, אבער געלערנט, אויפגעוואַקסן און געוווינט האט ער זיין גאנץ לעבן אין ריזאַוּוליע, א דארף נישט ווייט פון מיטעלווישעווע אבער געשיידן דורך א קייט פון מיטעלהויכע בערג. מיטעלווישיווע האט נישט געהאט קיין רב, ריזאַוּוליע האט יא געהאט. א רב איז א ממילאדיקער סימן פון א העכערן קולטורעלן מצב.

### ישיבה : גולה געווען למקום תורה

דרייצן־פערצן־יאר אלט האט זיך מרדכי, א יינגל, אוועקלאָזט קיין ריזאַוּוליע אין „ישיבה" אריין. מיט קיין באן איז ער נישט געפארן, ווייל ס'איז קיין באן נישט געווען. מ'ט פערד־און־וואגן איז ער נישט געפארן, ווייל דאס קאסט הוצאות־הדרך, וואס ער האט מסתמא נישט פארמאגט. איז ער געוואנדערט צופ'ס כדי מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל, זיך צו פארוואגלען צום ארט פון תורה. „היינט'קע צייטן", פלעגט ער צו זאגן, „היינט'קע צייטן פארט מען אין ישיבה אריין ; אין מיינע צייטן איז מען געגאנגן, איבער בארג אר'בער, צופ'ס. מ'פלעגט עולה־רגל זיין".

דעם אמת גיזאגט, איז אין ריזאַוּוליע קיין ישיבה נישט געווען. ישיבות זענען געווען אין קארפאטאַרוסישן חוסט, אין סלאָוואַקישן פרעשבורג ; אבער אהין איז דער יונגער בחור נישט געפארן. אפשר אפ'לו נישט געוו'סט פון די מקומות. אנגעקומען אין ריזאַוּוליע, האט ער געהאט צוויי היפּטּ דאגות : געפ'נען א רבי צום לערנען, און געפ'נען אן ארט צו שלאפן. א רבי האט ער תיכף געפ'נען. ר' יצחק קיזעלניק, דער ריזאַוּוליער רב, האט אים אויפ־גענומען ווי זיין אייניציקן ישיבה־בחור. א פלאץ צו שלאפן האט ער שפעטער אויך געפ'נען. די באבע דבורה, א טאבאק־פלאנצערקע און דערביי אויך די הייזון פ'נם דארף, האט אים אויפגענומען. דער ווארימער און רחבותדיקער פלאץ ה'נטער דעם אויוון איז געווען פריי ; און א פאר טעכטער אין שטוב זענען קיין־עין־הרע אויך געווען. אזא בחור קאן נאך אמאל, ווער ווייסט, ווערן אן איידעם. וכך הווה, ער איז געווארן איר איידעם.

אבער קודם איז ער געווארן א תלמיד־חכם. פ'נעף־זעכס יאר בהתמדה גמרא־לערנען, אן פ'לפול, אן פשטלעך, פשוט און פראסט גמרא מ'ט תוספות, פארב'סן מיט א פרשה חומש־און־רש"י, האבן א'ם געמאכט צום ערשטן למדן אינעם דארף, אחוץ — פארשטייט זיך — דעם רבי. חומש־און־רש"י האט מען אין די גרויסע פ'לפול־ישיבות נישט געלערנט. דאס האט זיך נישט אנגעשטאנען פאר „גרויסע" בחורים. אבער ביים ריזאַוּוליער רב איז דאס געווען א תנאי־קודם. „אין קאלטע ווינטער־טעג", פלעגט דער זיידע דערציילן, „האט מיך דער רב אין זיין בעט אריינגענומען, און מיר האבן אינאיינעם געלערנט".

### שידוך : די „קלאקע" און די באבע

אפאר יארן פאראיבערגעגאנגען און מרדכי האט חתונה געהאט מיט דער באבע חיי־טיבע. אסך מיידלעך פון איר גלייכן האבן נישט געקאנט שרייבן, נישט ליינען, נישט אמאל די תחינות און תפילות. זי האט געקאנט ליינען דעם סידור. אבער שרייבן האט זי נישט געקאנט. א פרומע, א גוטע און אן עניוותדיקע, דאס זענען געווען אירע דריי גרויסע מעלות. זי האט קיינמאל נישט גערעדט קיין רכילות איבער אנדערע ; זי איז כמעט קיינמאל נישט אין כעס געווארן. נאיוו, אומשולדיק און הארציק־צוגעלאזט איז זי געוועזן. שפעטער, אז איינס פון דעם שאק אייניקלעך האט עפעס חוטא געווען אינדערהיים, צובראכן א טעלער, איבערגעקערט דאס זאלצקיישעל מ'טן כשרגעמאכטן פלייש, אדער געלאזט די מילעך איבער־לויפן אונטער א פליישיקן טאפ, עבירות וואס זענען קאפּאווע געווען באשטראפט צו ווערן פון דער מאמע ; וואו איז געווען דער ערי־מקלט־פלאץ ? ביי דער באבע. ביי איר האט מען, אחוצדעם, אין אזא פאל באקומען אזעלכע מעדנים ווי א פריש־ווארעם געבאקן מאלאייענברייטל מיט א קריגל קאלטער זויערמילעך, אדער א טעפּעל אונטערגעשלאגענעם בארשט מיט לאבעדעס און איבער־געווארט א'שעה־צוויי עד יעבור זעם.

„איר ווייסט", פלעגט דער זיידע לאכנדיק דערציילן, „פארוואס איך האב אויסגעקליבן דווקא די באבע ; הלמאי, וועט איר פרעגן, ס'זענען דאך געוו'ען אסך אנדערע, אפשר שענערע



מיידלעך אין שטוב ? דער תירוץ איז : לה דומייה תהילה, א'ר שבח און לויב איז אז זי איז א שוויי־גנדיקע". און ער פלעגט דערציילן פון דער קלאקע, א מין פארצייטיקער מיידלעך־קלוב, אזויווי, להבדיל, היינטיקע צייטן א ברידש־צירקעל אדער א וויצא־אוונט צום פאר־ברענגען די צייט. אין די לאנגע ווינטערנעכט פלעגט מען זיצן א'נאיינם און פליקן פעדערן פאר בעטגעוואנד, וואס מען גיט מיט ביים חתונה־מאכן א מיידל. קיין קינאמאטאגראף אדער טעלעוויזיע איז דאך נישט געווען, ביכער אדער בלעטער האט מען נישט געקאנט ליינען ; איז מען צונויפגעקומען אויף קלאקעס, געקנאקט ניסלעך אדער קערלעך, געפליקט פעדערן, און גערעד רכילות. יעדוועדער מאל א'ז די קלאקע געווען אין אנאנדער מיידעלס שטוב. דער גמרא־בחור פלעגט פון זיין געלעגער הינטער דעם אויוון הערן די פיטפוט־של־הבל־שמועסן פון די מיידלעך. „נאר די באבע חייטויבע", פלעגט ער זאגן, „האט נישט געפלוידערט". פארדעם האט ער זי גענומען. אין אמתן אריין, קלערט זיך אצונד זיין איינ־קל, איז דאס געווען זיין פערזענליכע ראציאנאליזאציע פון זיין אייגענעם אתה־בחרתנו־מיטאס.

### תקנות : געמסרטע מצות און ליצ'ט'רטע הקפות

דער יונגערמאן איז געווארן א ריזאַוּוליער בעלבאס. ריזאַוּוליע האט געהאט אלט איינגעזעסענע משפחות, פון די ערשטע תושבים וואס האבן זיך דארט באזעצט אן ערך איבער הונדערט־פופציק יאר צוריק, ווען די וועלדער זענען דארט אויסגעהאקט געווארן און נייע דערפער זענען אויפגעשפראצט. איין אלטע משפחה פון בהמה־סוחרים און קצבים איז דארט געווען, מענטשן הויכגעוואקסענע, גבורהדיק־געזונטע, וואס דאס גמרא־לערנען האט זיי נישט אפגעשוואכט. ס'איז געווען פאר פסח. מ'האט געבאקן מצות. די מצה־בעקעריי איז געווען אין א'ציק דעם קצבס שטוב. מרדכי גערטנער, אליין זיך ממנה געווען א משגיח, איז געגאנגען חאפן א קוק מכוח דעם כשרות — אזאך, אגב, וואס ער האט דערנאך מקיים געווען כל ימי חייו — און ס'איז אים טונקל געווארן פאר די אויגן. די שטוב איז געווען פול מיט מצה־וואלגערנדיקע מיידלעך. די מצות זענען געלעגן אויסגעשפרייט אזויווי א לאקשנבלאט אויף א בעט אקעגן דעם אויוון, און האבן זיך, רחמנא ליצלן, חמצווערנדיק געווארימט פארן פייער. צענדליקע יארן לאנג האבן יידן אין ריזאַוּוליע נהנה געווען פון א'ציקס מצות, געפראוועט מיט זיי דעם סדר, מקבל־פנים געווען אליהו־הנביאן ביים שפוך־חמתך־באזוך, און געגנבעט און אויסגעלייזט דעם אפיקומן ווי אלע יידישע קינדער, ואין פוצה פה. אבער איצט איז ר' מרדכי תיכף געלאפן צום רב, געמאכט א געשריי, און דער רב איז געקומען צו גיין און געאסרט די מצות. א טראגעדיע כמעט ווי יענע ביי יל"גן אין זיין בארימטן שיר איבער אליפלט דעם בעל־עגלהס חמציק געווארענעם סדר. ר' א'ציק האט זיך גענומען לויפן איבער די גאסן, צארנדיק אזויווי א פארווונדיקטע חיה, און געשריגן : „מרדכי גערטנער האט מיר געמסרט די מצ'ת". מסרן און אסרן זענען צוויי לשון־קודש ווער־טער גרינג צו פארבייטן, ווען מ'איז נישט גוט באהאוועט אין די דרובנע אותיות. אבער דער פועל־יוצא איז געווען אז פון יענעם פסח אן זענען די מצות כשרער געבאקן געווארן, בהשגחת ר' מרדכי גערטנער.

שמחת־תורה פלעגט זיין אין ריזאַוּוליע א יום־טוב מוכן לפורענות. דאס פארטיילן פון הקפות איז געווען דער עיקר חייב אין דעם. אז איינער א בעל זרוע, למשל, האט באקו־מען עוזר־דלים, א נישט־מיוחסדיקע הקפה, האט זיך דאס געקאנט אפענדיקן מיט מכות רצח. ר' מרדכ', דער נייער גבאי, האט געפונען א רפואה צו די מכות. ער האט איינגעפ'רט די מהפכהנישע רעפארמע אז די הקפות זאלן פארקויפט ווערן. יעדן הושענא־רבא ביינאכט, ווען קהל איז סיי־ווי־סיי אויף וואכעדיק א גאנצע נאכט, פלעג זיין א ליצ'טאציע פון הקפות. וכל המוסיף זוכה. אפילו דער אתה־הראית איז ליצ'טירט געווארן. פון דעמולט אן איז געווען שלום ושלווה באהלי ריזאַוּוליע ואין מחריד.

### מעשות : ניטל־נאכט און דאס געגנבעטע בריקל

געווינטלעך זענען יידן גמרא־לערנערס נישט קיין סכנות־נפשותדיקע גיבורים געוועזן. אריינצולאזן זיך אין א געראנגל מיט גוים, שיכורים נאך דערצו, אין זייערס א חאגע־טאג,

אין וועלדער אדער קרעטשמעס, ביז מ'איז אנגעקומען בשלום ערב־ראש־השנה ביינאכט צו ר' מענדעלעס „זכור־ברית“.

דאס ימים־נוראים־פארעכץ צום רבי איז, אגב, אויך געווען א שידוכים־געלעגנהייט פאר חסידים; אזויוי, להבדיל, דאקטאר הערצלס קאנגרעסן פאר די ציוניסטן. מיט דעם חילוק, אז צו די קאנגרעסן פלעג מען מיטנעמען די טעכטער, צום רבי די זין. דער רבי האט געקענט אלע זיינע אנשי־שלומנו פון די פארשיידנסטע לענדער, און אז ער האט מייעץ געווען האט מען זיך משדך געווען. ביי אזא ימים־נוראים־באזוך ביים רבי האט ר' מרדכי ריזאוואליער, למשל, א שידוך געפונען פאר זיין זון, יצחק, מיט ר' מאיר נאדווערנערס טאכטער, שיינדל, א דור־חמישי־אייניקל פון ר' לוי יצחק בארדיטשעווער. עסטרייכיש־אוקריינע מיט אונגאריש־רומעניע האבן זיך משדך געווען.

שפעטער, אלעס א וואלד־סוחר, פלעג דער זיידע שוין פארן מיט דער באן אין די גרויסע שטעט. האט ער טאקע ליב געהאט דערציילן מיט לאבעדיקע אויגן און א פארשמייכלטן שמייכל הינטער די וואנצעס ווי ער האט איינמאל אויף איינער פון די ניימאדישע נסיעות פארלוירן די באבע. די באבע האט אפשר קודם קיינמאל נישט פארלאזט ריזאוואליע. אבער דער זיידע ווילנדיק איר ווייזן די „וועלט“, זיין האלצגעשעפט און סוחרישע ממשלה, האט זי מיטגענומען איינמאל אויף א באן־נסיעה. און דא איז געקומען דער מעשה־שטן. אין דער באנסטאנציע פון קלויזנבורג — זיבנבערגנס עיר־הבירה — האט ער זי שטיינגעלאזט פאר א פאר רגעים גייענדיק קויפן טיטון פאר דער ליולקע. צוריק־געקומען מיטן טאבאק — און והילד איננו, די באבע איז נישטא. זי האט זיך אביסל געוואלט ארומקוקן אין דעם וואקזאל און האט זיך פארבלאנדזשעט מ'שטיינס געזאגט. די קינדער, דערשראקן הערנדיק פון דער אבידה, האבן זיך געפרייט מיט דער בשורה־טובה אז ער האט זי נאך אביסל זוכעניש געפונען.

### מאכלים: ערב־פסחדיקער „באלמוש“ און שמחת־תורה־דיקע „האלופצעס“

דער זיידע האט ליב געהאט נהנה צו זיין פון גוטע מאכלים. ער איז געווען אן אמת'ער עולם־הזה־מענטש, פאראיידלט דורך יידישקייט. נישט נאר די מאכלים און זייער הנאה, דאס מאכן און מכין זיין זיי האט אים מהנה געווען. ביי יידן זענען, כידוע, מאכלים א טייל פון טראדיציע. פיש, למשל, עסט מען נישט פשוט אזוי; פיש עסט מען לכבוד־שבת. און ר' מרדכי פלעג טאקע אליין, בכבודו ובעצמו, מיט אייגענע הענד, צורעכטמאכן די פיש אויף שבת, מקיים זייענדיק אן אלטע תלמודישע טראדיציע.

פאראן אסך מסורתדיקע עלעמענטן אינעם יידישן לעבנסשטייגער, עלעמענטן וואס יידן האבן איבערגענומען פון די גויים און זיי לגמרי פארייידישט עד דלא ידע, צום נישט דער־קענען; אזויוי, למשל, דאס צאבל־שטריימל און דער זיידענער קאפטן. אדער אזויווי די וואלעכישע ניגונים און אוקריינישע טענץ וואס חסידים האבן געייד'ישט און בירושה איבער־געגעבן פאר די חלוצים אין די קיבוצים. אזוי איז דאס אויך געווען מיטן פייעריש־וואלעכישן מאכל, באלמוש בלעז. באלמוש איז א מדושנדיקער, שווערער, טעם־גן־עדן־דיקער תבשיל, געמאכט פון קוקורוץ־מעל און פעטער זויערער סמעטענע. נור בעלי־יכולת־דיקע רייכע בעלי־נחלהס פלעגן דאס קאכן. אין ר' מרדכים הויז האט מען דעם גויישן באלמוש מגייר געווען און אים קובע־לברכה געווען אלעס ערב־פסח־סעודה. אזויווי די באבע איז געווען ראשה ורובה פארפארעט צוויי לאנגע וואכן פאר פסח מיטן פארבארייטן דעם פסחיקן בוריק־בארשט — (א האלב דארף ווייבער פלעגן קומען מיט פסחיקע כלים נעמען דערפון. די פעסער בארשט זענען אפגעהיט און אוועקגעשטעלט געווען אין א חדר מיוחד. די קינדער האבן נישט געטארט זיך דערנענטערן; אפילו אריינקוקן דורך די שפארעס פון דער טיר האט די באבע נישט געלאזט) — אזוי איז דער זיידע אין די פאר־פסח־וואכן באשעפטיקט געווען מיט צוויי זאכן: כשרע מצות אויף פסח און סמעטענע־באלמוש פאר ערב־פסח. ער אליין האט משגיח געווען אויף דעם קאכן און פארטיילן. יעדער פון די בני־משפחה איז געקומען פארן חמץ־פארברענען טועם זיין פונעם זיידעס באלמוש. נאכן באלמוש־עסן האט מען פארברענט דעם חמץ, געגאנגען אין מקווה אריין און אנגעהויבן באקן די שמירה־מצות



פארן סדר.

און פונעם מאלייגעם באלמוש צו די געפילטע האלופצעס, דאס הייסט פון פאר־פסח צו נאכ־סוכות. די לעצטע צוויי אסייענדיקע יומטובים, שמיני־עצרת און שמחת־תורה, זענען געווען צוויי חשובע טעג אינעם זיידעס לוח. שמיני־עצרת נאכמיטאג פלעג ער זיך געזעגענען פון דער סוכה. די סוכה איז געווען א העכסט פערזענליכ־אינטימע בריה פארן זיידע. מוצאי־יום־כיפור נאך קידוש־לבנה האט ער אנגעהויבן זי בויען, און ערב־סוכות פארטיק געמאכט. א בעט, א קליין הריבעלע צום הייצן, א פאר ספרים, דער שיינער גרינער סכך וואס ער פלעג אליין אפהאקן פונם העכסטן בוים אין זיין גארטן, די אושפיזין אויף די ווענט מיט די פירות און בלומען אין אלע קאלירן אראפ הענגענדיק פונעם סכך, האבן געמאכט פון דער סוכה א מין אמתע דירת־עראי. שמיני־עצרת נאכמיטאג איז געווען דער עצבותדיק־דראמאטישער מאמענט: אפשיידן זיך פון דער סוכה. די אייניקלעך פלעגן זיך בסוד צוקוקן דורך די שפארעס פון די סוכה־ווענט און זען אים זאגנדיק א ספעציעלע תפילה, און דערנאך — דערנאך ארומגיין פון וואנט צו וואנט קושן די סוכה; אזויווי איינער — ווי רשי אין שיר־השירים וואלט געזאגט — וואס געזעגנט זיך פון זיין געליבט ווייב. דערנאך אבער האט זיך אנגעהויבן דער פרייליכער יומטוב פון דער תורה: — שמחת־תורה; צוליב וועם דער זיידע האט מבטל געווען א ספעציעלע חומרה. שמחת־תורה איז געווען דער איינציקער טאג אין יאר וואס ער האט זיך מקיל געווען עסן האלופצעס, א פייערישער מאכל געמאכט אויס קרויטבלעטער געפילט מיט פלייש און רייז. קרויט דארף מען „קלויבן“ פארן קאכן, מחמת די ווערים. יידן מהדרין מן המהדרין האבן זיך נישט סומך געווען אויף דעם קלויבן און האבן נישט געגעסן קיין קרויט־מאכלים. אבער לכבוד שמחת־תורה האט דער זיידע געמאכט אן אויסנאם. אזוי שטארק זיינען מאכלים געווען ארייגעבויעט אין זיין יידישן לעבנסשטייגער.

### חינוך: אבן עזרא און שערלאק האלמעס

דער זיידע איז געווען א מין אומדירעקטער, כביכול סאקראטישער בעל־מחנך. ער האט ליב געהאט דעם שאלות־ותשובות־דיקן דרך. בעיקר פלעג ער פרעגן א שווער שטיקל אבן עזרא, א פסוק ראש־השנה־פייט, וואס מ'האט געדארפט וויסן דעם מדרש דערצו מיט די ריכטיקע פירוש־המילות. נישט געוויסט, האט מען זיך געשעמט און גענומען עוסק זיין אויך אין דעם סארט לימודים, וואס מ'האט נישט געלערנט נישט אין חדר נישט אין ישיבה. חכמות חיצוניות האט ר' מרדכי, פארשטייט זיך, נישט גורס געווען. ער אליין האט נישט געליינט קיין „ביכלעך“, זיינע אייניקלעך זאלן אויך נישט ליינען די טריפה־פסולס. געטראפן איינמאל זיין אייניקל פארטיפט אין א מעשה פון שערלאק האלמעס — (א יידישע איבער־זעצונג וואס איינער א ייד, א שטיקל אפיקורס, האט מיט־געברינגט פון אמעריקע) — איז ער שטארק בייז געווארן, ממש וחמתו בערה בו. הלמאי מבטל זיין די צייט מיט פוסטע נארישקייטן. ער האט אפילו נישט געקוקט וואס דאס איז געווען. א ביכל איז פסול.

זיין ספרים־שאנק איז נישט געווען קיין רייכער. ש״ס, משניות, חוק, און כדומה אזעלכע ספרים. א תנך, למשל, איז דערינען נישט געווען. מכל־שכן נישט ספרי מחקר. אמאל האט זיך געקאנט אהין פארבלאנדזשען אזא מין דערציילעריש־ליטעראַרישער חיבור ווי נפלאות מהר״ל מיט די וואונדערליכע מעשות פונעם ליימענעם גולם אין פראג. דאס איז געווען מיין ערשטער לשון־קודש מעשה־ביכל.

לשון־קודש איז געווען די בילדונגסשפראך. לשון־קודש, שיין מליצהדיק לשון־קודש האט מען געדארפט קאנען; נישט נור ליינען, אויך שרייבן. דאס איז געווען אן ערגואך. ווייבער און עמי־הארצים האבן געשריבן יידיש, נישט חלילה א גמרא־בחור. איין איינציקן בריוו האב איך, א יינג ישיבה־בחורל, דעם זיידע קורץ פאר זיין פטירה געשריבן. און איין איינציקן בריוו באקומען פאר איין ענפער. דאס איז געווען מיין ערשטער לשון־קודש־בריוו וואס איך האב אליין פארפאסט. ער האט געדארפט זיין מליצהדיק; דאס האב איך געוויסט. שבת בשעת קריאת־התורה, אינעם בארשער רבים בית־המדרש, דעם ערשטן שבת אין דעם פרעמדן ישיבה־שטעטל, האב איך מיר דעם קאפ אנגעמאטערט און אויסנווייניק דעם בריוו

צוניפגעשטעלט. ער איז געווען א מין צירוף פון תנכ״שע און גמרא ציטאטן. דער זיידע האט פון אים גרויס הנאה געהאט. זיין תשובה איז געווען א קורצע. איין פסוק דערין איז געווען א כאראקטעריסטי״שע זיידע־מרדכי־שורה. ציטירנדיק עקיבא־בן־מהלאלס צוואה צו זיין זון, האט ער מיר אין א ראשי־תיבותדיקן אופן אי געגעבן א חינוכדיקע עצה, אי איפגעגעבן א למדנישן רעטעניש. מ״י ומ״י, האט ער געשריבן: כלומר, אזוי־צו־זאגן: מעשיך, דיינע ווערק, יקרבוך, וועלן דיך מקרב זיין צו מענטשן, ומעשיך, דיינע ווערק, ירחקוך, וועלן דיך מרחק זיין פון זיי. דאס הייסט: דו ביזט אליין פאר דיר פארענטפערלעך.

קידוש: אחרון־של־פסח־יארציים און פיר דורות גלות־נסיונות

יעדן אחרון־של־פסח איז געווען א גרויסער „קידוש" ביים זיידע. דאס גאנצע דארף איז איינגעלאדן געווארן. די „פני" זענען פערזענלעך געלאדן געווארן; „עמך" זענען געלאדן געווארן דורכן שמש. „קידוש" האט געהייסן א גלעזל פסחיקן פלאמענבראנפן, א שטיקל מצה־טארט אין ריבעלקעזלעך צום פארבייסן, מיט געבראטנס און פלאמענצימעס צום קינוח־סעודה, און א כוס וויין צום לחיים־טרינקן פאר עליית־נשמה. ס'איז דאס געווען דער יארצייט פונעם זיידעס פאטער. איינמאל איז ער נישט אהיימגעקומען פון א געשעפטס־נסיעה. וואכן שפעטער האט מען אים געפונען אין א וואלד א געהרגעטן. וואלעכ״שע גזלנים זענען אפנים געווען די רוצחים. לפי הלכה האט מען דעם יארצייט קובע געווען אויף דעם טאג וואס מען האט אים געפונען.

שפעטער, ווען ר׳ מרדכי איז שוין געווען אן עלטערער ייד, א בעל בעמיו, האט אים, בשעת דעם ערשטן וועלטקריג, א רוסישער קאזאק מיט א נאגייקע געשלאגן; דאס איז געווען זיין אייגענער גלות־נסיון. זיין זון האט איינמאל א שיכורער אונגארישער פריץ אינמיטן דער גאס אין בודאפעסט ביי דער בארט געצויגן. און אין דער צווייטן וועלט־מלחמה זענען דעם זונס ווייב און קינדער געפייניקט געווארן אינעם גיהינום פון די נאצי־רשעים. פיר דורות גלות־נסיונות. ס'איז פארדעם אפנים געווען א טיפער אומבאוווסטזיניקער סימבאל פון מעשה־אבות־סימן־לבנים וואס דער אליערליכער זכר־לגלות יארצייט־קידוש איז אפגע־האלטן געווארן אינעם חג־חירותנער־יומטוב.

סיום: יששכר און זבולון און די לעצטע יארן

ר׳ מרדכי איז בטבע נישט געווען קיין סוחרישער טיפ. ער וועט אפשר געווען געווארן א מלמד אדער א קליינער דארפ־סוחר. האט ער אבער געהאט אין ריזאוואליע א חבר, א ייד א פערזענליכקייט, און א סוחרישער טאלאנט, און חדר־דערציונג, און ירושת־אבות איז ר׳ משה־אליה געווארן א גביר, א גרויסער וואלד־סוחר. די צוויי יידן זענען געווארן מחותנים און שותפים. מ'פלעג זיך דערציילן אין דער משפחה די אפאקריפע לעגענדע אז זיי האבן עפעס געשלאסן א מין יששכר־זבולון־אפמאך; איינער ארייננגעבנדיק אין שותפות אריין זיין סוחרישן כוח מיט זיין עשירות, דער אנדערער זיין למדנות מיט זיין רוחניותדיקער יידישקייט. ר׳ משה־אליה איז געווארן א גרויסער גביר, ר׳ מרדכי איז געווארן א כמעט־נגידישער בעלבאס. ביידע אינאיינעם האבן זיי צענדליקע יארן לאנג מושל־בכיפה געווען אין דער ריזאווליער קהילה. די מפלה און צוברעקלונג פון דער עסטרייך־אונגארישער מלוכה האט אויך גורם געווען די ירידה פון ביידע שותפים. די שפעטערע געלדאינפלאציע האט צושמאלצן ר׳ מרדכיס אפשפארעכצער, און דערצו איז ער געווארן א שכ״ב־מרע. יידן, רבנים, רביים, ווער ס'איז נור געקומען קיין ריזאווליע אדער דורכגעפארן, האט געמאכט א ביקור־חולים־באזוך ביי ר׳ מרדכי גערטנער. ס'איז געווען צייטן וואס זיין מ'חושדיקער פוס האט אים אזוי מצער געווען, אז ער פלעג הויכזינגענדיק אויפשרייען מיט פיוט'ים און תפילות, מזמורים און ניגונים כדי דאס צו באטייבן זיינע יסורים. ערב־שבת־פארנאכט דעם פערטן טאג חול־המועד־סוכות תרפ״ב איז ער, א כבן־שבעים געשטארבן. ער האט נישט דערלעבט זען זיינע אייניקלעך ארבעטן און דינען, לערנען און מרביץ־תורה זיין אלעס קיבוצניקעס און פקידים, דאקטוי־רים און סאלדאטן, ישיבה־בחורים און אוניווערסיטעט־סטודענטן, מנהלים און מחנכים אין ישראל און די תפוצות.



יוסף לעפטוויטש

## דרום אפריקא

ס׳איז גארניט געבליבן שטעקן אויף די פינגער,
פון דעם רייכן לאנד.
און קומבערלי האב איך געהאלטן דיאמאנטן
אין דער האנט.

מ׳האט מיר אין ווילקאם געוויזן גאלדנע ציגעל,
איך האב זיי איבערגעלאזט דארט.
כ׳האט גארניט גענומען מיט זיך,
פון יענעם ארט.

אבער די דרום־אפריקאנער זון,
ברענט מיך ווי דאן.
אין זכרון איז איר ליכט
ווייטער פאראן,
פון מיין פעדער און טינט אן אויפהער גייט,
א ריי פון נאקעטע שווארצע טאנצנדע לייט.

משה בעקערמאן

## א בריוו פון א יונגער אפטייקערין

(הומארעסקע, באארבעט פון פראנצויזיש, פון יידיש־פראנצויזישן שרייבער, טריסטאן בערנאר)

טייערע מאמע,

דו ווערסט זיך אודאי וואונדערן וואס איך האב דיר נישט געשריבן די לעצטע צייט. גלויב מיר, מיין טייערע, אז דאס איז נישט געווען פאר נחת. מיר האבן לעצטנס דורכגעמאכט אזא שלעכטע צייט, אז איך האב נישט געהאט דאס הארץ דיר צו פארשאפן אזויפיל עגמת־נפש.

אין אנהויב חודש האבן מיר זיך געפונען כמעט אן לעבנס־מיטלען. מיט א צייט צוריק פלעגט נאך עמיצער אמאל אריינקומען נאך א שאכטל פיני־בארביטאן, אן אפפיר מיטל, א שאכטל אספירין אדער א שמירעכץ פאר אן אפגעפארעטער האנט אא.וו. אבער לעצטנס איז אנגעשיקט געווארן אן אומגליק אין שטאט. עס גייט פארביי טעג ווען קיין משוגענער הונט שמעקט נישט אריין אין אפטייק . . .

מענטשן גייען פארביי, געזונט ווי פערד, און חובות וואקסן. כ׳האב געמיינט, אז א פארשאלטעניש איז געקומען אויף אונז. אין אונזער פאר־צווייפלונג האבן מיר גענומען טראכטן, אז דאס בעסטע מיטל, וואס וועט שטילן דעם מאגן, וואס האלט אין איין מאנען, וועט זיין א פארציע סטריכנין. מיין מאן איז שוין גרייט געווען אראפגיין אין דער לאבאראטאריע צוצוגרייטן דאס מאכל.

איך האב זיך אראפגעלאזט אויף די קני און אנגעהויבן הייס תפילה צו טון. טיף פארזונקען אין טרויעריקע מחשבות און פלוצלונג — גאט דערהערט מיין געבעט — האט זיך געעפנט די טיר און א פארזארגטער מאן איז אריין אין אפטייק.

דו ווייסט וואס, מאמעשי? דיפטעריע האט זיך באוויזן אין שטאט! נו, פרעג איך דיך, מיין טייערע, איז נישט גאריש פון מיין מאן וואס ער גלויבט נישט אין גאט? . . . וואס זאל איך דיר זאגן, די עפידעמיע האט זיך, גאט צו דאנקען, פארשפרייט אין שטאט און דערגרייכט צו הויזגעזינט פונם מוניציפאלן מאיאר. ווי דו ווייסט, איז מאנסיו לאוואל זער רייך. האט ער גלייך באשטעלט אסך פענדזלען, יאד און כל־המינים אנדערע נויטיקע זאכן.

שטעל זיך פאר ווי צופרידן מיר זענען, אז סוף־כל־סוף האבן מיר נישט געדארפט שפייזן דעם מאגן מיט סטריכנין . . . דער קצב איז אזוי פריינטלעך . . .

צווייטנס, קען איך דיר שרייבן, אז מישעל, דער געטרייער דינער פון פריצישן שלאס, איז נעבעך אראפגעפאלן פון פערד און זיך צעבראכן א פוס, וועלכן מען האט געמוזט אפשניידן. מיר האבן זיי געשיקט צוועלף פאקעטן אנטיסעפטישע וואטע, באנדאזשן פון בעסטן סארט און אלע אנדערע מעדיקאמענטן, וואס נויטיקן זיך ביי אזא אפעראציע.

כ׳האב זיך שיער נישט אויפגעגעסן א לעבעדיקע פאר שרעק, טאמער שיקט מען אונזער קליינעם גאסטאן צוריק פון דער פענסיאן־שולע . . .

אין גראד דעם זעלבן אוונט איז א שכן געביסן געווארן פון א משוגענעם הונט . . . אזא פיינער מענטש. ס׳רייסט דאס הארץ . . .

דער שפייזקרעמער באגעגנט מיך שוין ווידער מיט א פריינטלעכן שמייכל . . .

נעכטן אוונט זענען מיר געגאנגען אין טעאטער, וואו א דורכפארנדיקע טרופע האט געשפילט „קארנאוואל פון א וואונדערנדיקן אויסוואורף". מיין מאן האט זיך פארגינען — נאך לאנגע חדשים — צו קויפן בילעטן, אדאנק א מאגן־קראנקהייט, וואס האט אויסגעבראכן אין מושב־זקנים . . .

מיר קושן דיר הונדערט מאל, מאמעשי. קוש דעם פאפא.

נ.ב. ווי א דונער האט אונז געטראפן די נייעס, אז דער אלטער אנדריי איז געשטארבן. ער איז געווען אזא בראווער מאן. פאר לאנגע יארן האט ער געליטן פון לעבער־קרנקהייט, און דאך פלעגט ער רעגולער קומען אין אפטייק מיט א שמייכל. אזא גוטער און שטענדיקער קליענט.

דער טויט איז גרויזאם, מאמע . . .

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.





## א גאסט אויף א ווייל . . .

(איינדרוקן פון א נסיעה אין ישראל)

ווען איך מיט מיין פרוי, מיללי, זענען דאנערשטיק, דעם 3טן סעפטעמבער, דריי טעג פאר ראש־השנה, אנגעקומען אויפן לופט־טערמינאל, וויקטאריא, האב איך אין זאאל און אויף דעם אמניבוס, וואס פירט צום לופט־פארט, געזען אפאר חסידים. און ווען מיר זענען אהינאנגעקומען האב איך באמערקט א גרעסערן עולם חסידים, מיט רונדיקע קאפעלושן, ווייסע זאקן און א טייל זענען געווען ארומגעגארטלט מיט זיידענע גארטלען.

ווער מיר אלע זענען אריין אין עראפלאן פון „אל־על" און אלע פאסאזשירן האבן פארנומען זייערע פלעצער, און איך האב אנגעהויבן מיט זיי צו ריידן, פרעגנדיק פונוואנען זיי קומען, האבן זיי מיר געזאגט, אז זיי קומען פון אמעריקע און פארן צום גערער רבין נאך ירושלים אויף די ימים־טובים. די מיינסטע פון זיי זענען געווען פון ניו־יארק, באסטאן, און זאגאר פון סאן־פראנציסקא; און א טייל זענען געווען פון ענגלאנד, ווי לאנדאן, מאנטשעסטער און לידז. צוזאמען זענען זיי געווען א צוויי מנינים.

ווען עס איז געקומען מנחה־צייט, זענען אלע אויפגעשטאנען כאיש אחד און האבן זיך געלאזט צום קארידאר, וואס טיילט אפ פון דעם שטיבל, וואו דער פילאט זיצט, און מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה בציבור. א טייל פאסאזשירן, און איך אויך בתוכם, האבן געזען, אז מען דאוונט מנחה־מעריב, זענען אויך אריין אין דעם שמאלן קארידאר. און עס איז געווארן אזא ענגשאפט, אז די סטיוארטס און די קעלנערס האבן נישט געקאנט אדורכגיין, און זיי האבן זיך געבייזערט און האבן געזאגט, אז נאר אויף א יידישן עראפלאן טוען זיך די יידן אזוינס דערלויבן.

האבן אפאר חסידים זיי געענטפערט, אז זאגאר אויף דער „סאבענא" און „ק.ל.מ." האבן זיי אויך שוין געדאוונט בציבור און די גוישע סיטוארטס האבן נישט גערעדט קיין ווארט.

נאכן אפדאווענען מעריב, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז איינער פון די אמעריקאנער האט געהאט יארצייט. און ווען דער עולם האט זיך צוריקגעזעצט אויף די פלעצער, האט ער ארויסגענומען א פלאש בראנפן און האט די מתפללים אנגעבאטן בראנפן מיט לעקאך. און מען האט געטרונקען „לחיים".

אין דעם עראפלאן זענען געווען הונדערט זעקס און פופציק פלעצער, און אלע זענען געווען באזעצט, קיין עין הרע, פון בלויז יידן.

אין דעם עראפלאן האבן זיך איניקע יידן באקלאגט וואס די אלע אויפשריפטן און רעגולאציעס זענען נאר אין לשון־קודש און אין ענגליש און נישט אין יידיש. האט זיך איינער פון די חסידים אנגערופן, „דאס איז נישט לשון־קודש, דאס איז עברית". האב איך געוויזן די יידן א קארטע, וואס ליגט ביי יעדן זיץ־פלאץ, וויאזוי זיך נוהג צו זיין אין פאל פון א סכנה; און די קארטע איז געדרוקט אין פיר שפראכן: עברית, ענגליש, פראנצויזיש און יידיש. עס

זעט אויס וואו עס האנדלט זיך אין פקוח־נפש הערלויבט די ממשלה אויך יידיש . . .

אנקומענדיק אין לוד און דורכגייענדיק די פאס־קאנטראלע — דער פקיד אדער פאליציאנט, וואס זיצט דארט פארמאכט אין א גלעזערן שטיבעלע, נעמט פון אייך דעם פאס און קוקט אייך אן מיט אזא פארדאכט אזוי ווי איר וואלט געווען א גנב, א גזלן, א שפיאן און אפשר אלעס צוזאמען — און אריינקומענדיק אין דעם גרויסן זאאל, וואו דער באגאזש קומט אן, הערשט דארטן אזא תוהו־ובוהו, אז איך וואלט געראטן דעם לופט־מיניסטער אדער דעם, וואס איז ממונה איבער דעם, ער זאל פארן נאך לאנדאן, פאריז, בריסל און זאל זעען ווי דארט וויקלט זיך אפ די צאל־קאנטראלע. וועט ער אפשר ביי זיך אין לוד אויך איינפירן דעם זעלבן ארדנונג, אז די מענטשן, אנקומענדיק פון דער לופט־רייזע, איפגערעגט, אויסגעמאטערט, זאלן נישט מוזן אליין צופירן זייער באגאזש אין אזוינע וועגעלעך ווי אין א סופערמארקעט צום צאל־פקיד.

אפשטייענדיק א שעה און טיילמאל לענגער אין דער גרויסער היץ, און דער שוויס גיסט זיך פון אייך, ביז מען איז זוכה צו קריגן דעם בלויען צעטל פון דעם פקיד. אין דעם לופט־פארט האבן די צאל פקידים צום מיינסטן קאנטראלירט די חסידים מיט די רונדיקע קאפעלושן. מען האט אויפגעעפנט זייערע טשעמאדאנעס און גענישטערט ביז דעם דנא, און ביי פיל פון זיי האט מען טאקע געפונען נייע זאכן, וואס זיי האבן אריינגעבראכט אין לאנד אריין, ווי צום ביישפיל א פאר לענגען שטאף, נייע סוועטערס און שאלן. ביי א ייד, מיט א רונדיקן קאפעלוש, מיט א גרינעם אמעריקאנער פאס, וואס אויפן עראפלאן איז ער געווען ארומגעגארטלט, האט מען געפונען דריי טראנזיסטאר ראדיאס איינגעוויקלט צווישן זיינע קליידער! און זיי אלע האבן טאקע געמוזט באצאלן מס, כאטש זיי האבן זיך געקווענקלט און קיין גרויסע הנאה האבן זיי פון דעם נישט געהאט. און מערקווירדיק, די אלע, וואס זענען אנגעקומען אלס טוריסטן, און מיר זענען געווען אין א גרויסער צאל, האט מען זאגאר די וואליזן נישט געעפנט און גלייך אדורכגעלאזט.

ווען מיר זענען ארויס פון לופט־פארט, האט שוין אויף אונז געווארט א לימוזינע פון דעם רייזע־ביורא, וואס מיר האבן נאך באשטעלט פון לאנדאן, און אונז מיט אנדערע פאסאזשירן געבראכט נאך א האטעל אין רמת־אביב. דער האטעל איז ערשטקלאסיק. די צימערן זענען אויסגעשטאטעט מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען: ווענטילאציע, וואנעס און טושן און א סווימינג־פול שוין פון לאנגע יארן געמאכט. און אלעס איז אזוי פראקטיש איינגעריכט, אז די בארנמוטער יידישע לוקסוס־האטעלן קענען זיך קומען לערנען ביי אט די פליטים, וואס האבן זיך געראטעוועט פון היטלערס גאז־אויוונס.

און ווען איר קומט אריין פרימארגנס אין שפייז־זאאל, די קעלנער באגריסן אייך מיט א „שלום!“ און א שמייכל אויפן פנים. און אויף א לאנגן טיש שטייט פון כל־טוב: אראנזש־זאפט, גרעיפּ־פרוכט־זאפט, פוטער, פארשידענע ארטן קעז, שמאלץ־הערינג, סארדינען, שפראטן, אליוון און קרעם־קראקערס. און איר קאנט אייך נעמען וויפל אייער הארץ גלוסט. און נאכהער זעצט מען זיך ביי



א טישל. פרישע זעמעלעך ליגן אויפן טישל, און א קעלנער פרעגט אייך וואס איר ווילט, טיי אדער קאווע, אייער־שפייזן, לויזע אייער אין גלאז, אן אמלעט אדער געפּרעגלטע אייער, וואס אין ענגלאנד רופט מען זיי „געפרייטע“.

רמת־אביב איז א פארשטאט פון תל־אביב, פינף און צוואנציק מינוט רייזע אין אן אויטאבוס צום צענטרום פון דער שטאט. און עס ליגט אויפן וועג פון תל־אביב דורך הרצליה, נתניה, נאך חיפה. ווי עס האבן מיר איינוואוינער פון דעם ארט דערציילט, איז די גאנצע געגנט נאך מיט אכט יאר צוריק געווען א מדבר מיט הויכע בערג זאמד, און יעצט וואוינען שוין דארטן פינף און צוואנציק טויזנט יידן, כן ירבו!

עס שטייען שוין אויפגעבויט פערצן שטאקיקע הייזער, וואס מען וואוינט שוין דרינען אין גאסן מיט שיינע הייזער און באנגאלאוס און אן ארקאדע מיט געשעפטן, וואס איר קריגט דארטן פון כל טוב אפילו א שטיקל בשר־קוויטש . . . עס אויך איז דארטן אויך דא א סופערמארקעט.

און אלע געשעפטן זענען פול מיט סחורות און אסך קונים. אין דעם שטאט־טייל ווערט אויך געבויט טיילן פון אן אוניווערזיטעט. און לויט ווי די איינוואוינער האבן מיר געזאגט איז אויסגערעכנט, אז אין א קורצער צייט וועלן דא וואוינען זעכציק טויזנט פערזאן.

ווען מיר זענען ארויס אויפן באלקאן פון האטעל, וואס גייט ארויס צום כביש תל־אביב — חיפה, האבן מיר געזען אזא גרויסן פארקער פון אויטא־מאבילן, לאסט־אויטאס און אמניבוסן, וואס מיר האבן זיך אין לעבן נישט פארגעשטעלט, אז דאס קומט פאר אין א לאנד, וואס איז קוים זעכצן יאר אלט. און מיין פרוי האט מיר געזאגט: „מנשה, דו ווייסט, דא פארן בלויז יידן. קיין איין גוי פארט נישט דא!“

עס ווערט אין לאנד זייער פיל געבויט. וואו איר גייט און שטייט זעט איר נאר רושטאוואניעס פאר הויכע בנינים. קראנען פון אויבן. אין אל־געמיינעם, באמערקט מען דארטן א לויפעניש, אן איילעניש, א יאגעניש. עס זעט אויס, אז מען וויל דעריאגן די צוויי טויזנט יאר, וואס מיר האבן געארבעט פאר אנדערע . . .

אין לאנד איז א פראספעריטי: עס פעלט פשוט אויס ארבעטער אזוי אז מען האט שוין געמוזט אנקומען צו פרעמדע הענד. אין תל־אביב אליין ארבעטן שוין ביז פופצן טויזנט אראבער ביי פארשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. ווי עס זעט אויס, גייט דעם רוב יידן נישט שלעכט. מען זעט פיל פריוואט אויטאמאבילן שטיין ביינאכט אין די גאסן, ווייל עס פעלט אויס גאראזשן.

איך האב מיך דירעקט באמיט זיך צו טרעפן און ריידן מיט יידן פון אלע קלאסן אויף די באסעס, געגאנגען אין רעסטאראנען, ווי ביים וועד־הפועל, אויך אין א קאאפעראטיוו־רעסטאראן אויף רחוב ברענער נומער 5, וואו עס עסן און קומען זיך צוזאמען ארבעטער און מיטלקלאס מענטשן. איך האב מיך געוואלט זעען מיט „עמך“, און מיט וועמען איך האב גערעדט, אלע זענען מיט פריילעכע פנימער און אלע זענען צופרידן.

„אמת, זאגן זיי, מיר ארבעטן זער שווער, אבער ס'איז אונזער לאנד". מען זעט דארטן אנדערע יידן, שטאלצע יידן, נישט מיט דער מורא אויף די פנימער; נישט אזאלכע יידן, וואס מיר זענען געוואוינט צו זעען אין אונזערע אלטע היימען, וואס יעדערער איז גרייט אוועקצוגעבן זיין לעבן פאר דעם לאנד. זיי קאנען פארנעמען קלעפ, זיי קאנען אבער אויך געבן קלעפ.

איין געשעעניש האט אויך אונז ביידע געמאכט א זער שווער דערדריקנדיקן איינדרוק. גייענדיק אויף שוק־הכרמל, וואס גרענעצט מיט רחוב אלענבי, מיר האבן באוואונדערט דעם מארק, איבערהויפט די סטראגאנעס, די געשעפטן, וואס זענען געווען אנגעפראפט מיט סחורות און עסנווארג פון כל־טוב — די זון האט אזוי געשיינט אויף אלעמען — האבן מיר געהערט פארצווייפלטע געשרייען פון א פרוי. דער גאנצער עולם האט אלעס געלאזט שטיין און אנגעהויבן לויפן צו דעם ארט, פונוואנען די געשרייען זענען געקומען. זעען מיר ווי א יונגע, שלאנקע פרוי ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און צווי יונגעלייט שטייען איבער איר. דערנאך האבן מיר געזען ווי איינער פון די לייט האט געגעבן א כאפ די פרוי אויף זיינע הענט, אוועקטראגנדיק זי אין א זייטיק געסל, פארשטאפנדיק איר דאס מויל.

האב איך א דערביישטייענדיקן געפרעגט: „וואס קומט דא פאר?" „דאס זינד צוהעלטער!" האט ער מיר געענטפערט אין דייטש. פארשעמט זענען מיר שנעל אריין אויף רחוב אלענבי אין א געשעפט אריין קויפן סואווענירס. דערציילט איך דעם ייד, וואס מיר האבן נארוואס געזען. גיט ער א קרעכץ און זאגט: „זינט עס האבן אנגעהויבן קומען צו אונז אונזערע ברידער פון ארבע פינות העולם, וואס מען רופט קיבוץ גליות, האבן זיך ביי אונז פארמערט גנבות, גזלות און די „מכה" אויך. פון אן אתה־בחרתנו פאלק זענען מיר געווארן ככל הגוים".

טראכט איך מיר, עס איז נישט קיין וואונדער, וואס אין די באסעס הענגען פלאקאטן אויף עברית און ענגליש: „היט זיך פאר קעשענע־גנבים"; וואס איך האב אין קיין שום לאנד נישט געזעען.

איך האב דעם ייד געפרעגט ווילאנג ער איז שוין אין ישראל. „פון פערטן דור", האט ער מיר געענטפערט, דאס זיין עלטער עלטער זיידע איז געקומען קיין צפת פון רוסלאנד. נאר ער איז געבוירן אין ירושלים און רעדט א יידיש, הלואי אויף אונזערע ענגלישע יידן פון ערשטן דור!

ווען מיר זענען געגאנגען צום ועד הפועל, וואס איז אין דעם שטאלצן בנין פון הסתדרות, וואס מען רופט „דער קרעמל", אויף רחוב ארלאזאראוו, שטייט דארטן ביים איינגאנג אן עלטערער ייד און פארקויפט צייטונגען. האב איך אים געבעטן ער זאל מיר געבן א „לעצטע נייעס". זאגט ער מיר ער פארקויפט נאר צייטונגען אין עברית, ווי „דבר", „הארץ", „מעריב". וואונדער איך מיך וואס ביים הויז פון הסתדרות, וואס גיבט ארויס דעם פערטל יאר שריפט „די גאלדענע קייט", פארקויפט מען נישט קיין יידישע צייטונגען. דער אלטער ייד ציט מיט די פלייצעס, ווי איינער זאגט וואס בין איך שולדיק?

אין ועד־הפועל רעסטאראן איפן זעקסטן שטאק האב איך געטראפן אן



אלטן פריינט פון לאנדאן, אליעזר פינעס, און דערציילט אים, אז פאר דעם גרויסן הויז, וואס איז אממייסטן געבויט געווארן פון יידיש־ריידערס, פארקויפט מען נישט קיין יידישע צייטונגען. „יא, זאגט פינעס, יידיש איז דא א זער שווער פראבלעם". אבער צוריקגייענדיק פון דער געביידע, זע איך ווי דער אלטער ייד לייענט א „לעצטע נייעס". קוק איך אים אן מיט דער זעלבער טענה. זאגט ער מיר „ביי אונז איז א פרייע מדינה, איך מעג לייענען וואס איך וויל, אבער פארקויפן טאר איך נישט" . . .

איך האב נישט געקריגן קיין בריוו פון לאנדאן. אויך אנדערע געסט האבן נישט געקריגן קיין פאסט. מען פרעגט אין האטעל פארוואס קריגט קיינער נישט קיין פאסט. האט מען אונז געענטפערט, ווייל וועגן ראש־השנה איז דא אין לאנד אכט מיליאן לשנה טובה קארטן צו באזארגן, האט זיך דער נארמאלער פאסט־פארקער דערווייל מסתמה פארשפעטיקט. האט מען זיך באקלאגט ביים מיניסטער. האט ער געענטפערט, „וואס ווילט איר פון מיר? איז מיין טאטע געווען א פאסט־מיניסטער? איז מיין זיידע געווען א פאסט־מיניסטער? אם ירצה השם, וועט אלעס זיין בסדר" . . .

וועגן א פריוואטן ענין האב איך געמוזט באזוכן די רעדאקציע פון „די גאלדענע קייט". ביי דער געלעגנהייט האב איך אויך געפרעגט אויף דעם דיכטער אברהם סוצקעווער. מען האט מיך און מיין פרוי אריינגעפירט אין זיין קאבינעט. איך האב אים געזאגט, אז מיר זענען פון לאנדאן. ער האט מיך דערקענט, האט אונז געבעטן זיצן און מכבד געווען מיט טיי און זיך אנגעהויבן אויספרעגן וואס מען הערט אין לאנדאן אין דער ליטערארישער וועלט. איך האב אים דערציילט, אז אין פאריקן יאר האט דער זשורנאליסטן־פאריין צוזאמען מיטן וועלט־קאנגרעס איינגעריכטעט אלע פאר וואכן לעבעדיקע צייטונגען איבער פארשידענע ענינים. אויך האבן זיי געפייערט דעם הונדערט יאריקע געבוירן טאג פון ש. אנ־סקי, און ד"ר מייטליס האט געהאלטן א גייסטרייכן און אויספירלעכן רעפעראט איבער זיין לעבן און שאפן. איך האב אים אויך דערציילט פון אונזערע ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס. עס קומען יעדן שבת א פערציק־פופציק יידן, מען לייענט פאר פון ליטעראטור, מען זינגט פאלקסלידער, טיילמאל רעפעראטן מעניגי־דיומא און אזוי ווייטער. און אז עס קומען געסט פון ישראל, ביידע אמעריקעס און פון אנדערע לענדער, קומט א גרעסערער עולם. איז אבער די צרה, אז די לעצטע צייט ליגט מען אונז שטיינער אין וועג. עפעס אומבאקאנטע הענט לאזן די געסט נישט קומען צו אונז. זיי ריידן זיי אפ, „גייט שוין, צו וואס זאלט איר דארט אהינגיין? עס קומען דאך דארטן נאר אלטע ווייבער. עס איז א שאד אייער צייט".

און סוצקעווער האט מיר צוגעזאגט ווען ער וועט זיין אין לאנדאן וועט ער אויך קומען צו אונזערע שבת־נאכמיטאגס. ער האט זיך אויסגעפרעגט אויף קרעדיטאר, שטענצל, ד"ר שטיינבערג און ד"ר מייטליס, און האט מיר געזאגט, „לאזט זיי אלע גריסן פון מיר".

אין האטעל, וואו מיר האבן געוואוינט, זענען געווען פיל טוריסטן פון אמעריקע, מיינסטנס יידן אין מיטעלן און אין אלטן עלטער. מען זאל נישט

מיינען, אז פון אמעריקע קומען בלויז זעען ישראל נאר יידישע מיליאנערן. ווי די מענטשן האבן מיר דערציילט, זענען ס׳רוב פון זיי מיטגלידער פון ארבעטער־רינג און פון נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד. זיי שפארן זיך אפ פון זייער „אלד איידזש פענשיאן" צוויי־דריי יאר, זיי זאלן קאנען פארן און זעען ישראל מיט די אייגענע אויגן. זיי רעדן מיינסטנס יידיש, און זיי זאגן דאס זעלבע וואס מיר, אז מען קומט קיין ישראל, גייט עפעס אראפ די קלעמעניש. מען פילט זיך ווי אין דער היים. עס ווערט אזוי פריילעך אויפן הארצן.

אין א פרייטאג־צו־נאכטס זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען אויף א טעראסע פון האטעל, און מיר אלע האבן געזונגען מרדכי געבירטיקס לידער און אנדערע יידישע פאלקסלידער; און עס איז געווען זער פריילעך.

איך האב זיי דערציילט, אז מיר האבן אין לאנדאן אזא פאריין, וואס הייסט „פריינט פון יידיש־לשון", וואו מען קומט זיך צוזאמען יעדן שבת נאכמיטאג. מען לייענט פון דער יידישער ליטעראטור, מען זינגט יידישע לידער. האט אונז א פרוי געזאגט, אז ביי זיי אין דעטרויט האט שוין אין 1963 דער „בני־ברית" געגרינדעט א יידישע אפטיילונג, וואס מען קומט זיך צוזאמען יעדע צוויי וואכן. מען לייענט פון דער יידישער ליטעראטור און מען באריכטעט וואס קומט פאר ביי די „בני־ברית", אלעס אין יידיש. דערווייל האבן זיי זיבעציק מיטגלידער; און אז דער „בני־ברית" גרינדעט אזעלכע אפטיילונגען אין גאנצן לאנד.

זיצנדיק מיט א גרופע פון זיי, וואס זענען נאר וואס צוריקגעקומען פון ירושלים: מען האט געמוזט זעען מיט וואס פאר א התפעלות זיי האבן דערציילט פון די הייליקע ערטער, וואס זיי האבן באזוכט; ווי אפאר פרויען האבן זיך בארימט דאס זיי האבן אויף דעם הר־ציון ארויפגעקלעטערט די הונדערט זיבן און אכציק טרעפן צו דוד המלכס קבר, וואס איינע פון זיי האט נאך די זעלבע נאכט געקריגן א הארץ אטאק און מען האט זי געמוזט נעמען אין האספיטאל אריין.

עס זעט אויס, אז די אלע קינות, סליחות, תפילות, גאלדפאדנס און פרוגס לידער זענען דעם יידישן פאלק נישט געגאנגען אין די קליידער, נאר טיף אין בלוט און אין די ביינער אריין.

אין האטעל האב איך געטראפן אן אמעריקאנער לאדזשער. האט ער מיר געזאגט, אז זונטיק, דעם 13טן סעפטעמבער, 7 אזייגער, קומט פאר אין בית־ציון דאמעריקע אן אזכרה צו דער צוואנציקסטער יארצייט פון לאדזשער געטא. אזוי ווי איך בין א לאדזשער, בין איך אהינגעפארן. אנקומענדיק צו דעם גרויסן פראכטפולן בנין — אין גארטן און אין דרויסן האב איך געטראפן אזא גרויסן עולם. מען זאגט עס איז דארט געווען אפאר טויזנט יידן, וואס ביי מיין זיין אין די יונגע יארן אין לאדזש, ווארשע, האב איך אזויפיל יידן, קיין עין־הרע, צוזאמען נישט געזען. דער גרויסער עולם האט מיט יראת־הכבוד איינגעהערט די אלע רעדנער, מיינסטנס אין יידיש, וואס האבן געשילדערט וואס די לאדזשער יידן האבן אויפגעטון אויפן געביט פון אינדוסטריע, האנדל, ליטעראטור און קונסט; ווי יידישע דאקטוירים האבן מיט מסירת־נפש באקעמפט אין געטא די פארשידענע קראנק־הייטן, און עס האט נישט געקאנט קומען צו קיין ווידער־



שטאנד, ווייל דאס אפגעשלאסענע געטא האט נישט באקומען קיין געווער. אייניקע ארטיסטן האבן רעציטירט פראגמענטן פון דער חורבן־ליטעראטור מיט צער, וואס איז געקומען צום אויסדרוק אין וויינען, האט ער עולם אויסגעהערט דעם מזכיר־נשמות פון א חזן. עס איז געזאגט געווארן קדיש בציבור, און מיטן געזאנג פון „התקוה" איז זיך דער עולם פונאנדערגעגאנגען. אזוי האט זיך פארענדיקט די אזכרה צום אנדענקען פון לאדזשער געטא.

מיר זענען לייִדער געפארן נאך ישראל אין א נישט באקוועמער צייט. איינס, די היצן זענען געווען זער גרויס פאר דער צייט אין יאר, אין תל־אביב איז געווען איבער דרייסיק גראד, אין ירושלים נאך הייסער. צווייטנס, האבן זיך אריינגעמישט די ימים טובים: איין טאג ערב ראש־השנה, צוויי טעג ראש־השנה, איין טאג ערב יום־הכפור, איין טאג יום־כפור און פרייטיקס און שבתים, וואס דער פארקער איז פאלשטענדיק אפגעשטעלט און אלע געשעפטן זענען געשלאסן, נישט בלויז מחמת פרומקייט, נאר ווייל עס איז א יידיש לאנד. און מיר האבן נישט געקאנט זעען דעם גליל, נגב און די אנדערע וויכטיקע היסטארישע פלעצער. מיר האבן נאר געקאנט מאכן צוויי עקסקוריעס נאך ירושלים און בת־ים.

• • •

מיר פארן נאך ירושלים. מיטוואך, ניין אזייגער אין דער פרי, איז צו אונז אין האטעל געקומען א רויטער לוקסוס־אמניבוס פון „יונייטעס טורס", וואס איז געווען פול געפאקט מיט טוריסטן פון נתניה און הרצליה, אזוי, אז מיר האבן אפילו נישט געהאט קיין פלאץ, וואו צו שטיין.

דורכפארנדיק די הויפטגאסן פון תל־אביב — אין די קאפעען זענען שוין געזעסן מענטשן פארטיפט אין זייערע צייטונגען, די גאסן זענען שוין געווען שטארק באלעבט, צייטונגס־יינגלעך האבן אויסגערופן פארשידענע נייעסן, וואס איך האב נישט פארשטאנען, ביז מיר זענען אנגעקומען אויף א זאמל־פלאץ ביים ים, וואו עס זענען דארטן געשטאנען פיל אזעלכע לוקסוס אמניבוסן, וואס זאלן פארן אין פארשידענע ריכטונגען, ווי אשקלון, רחובות, ירושלים און אזוי ווייטער.

ערשט איינמאל הערן מיר ווי מען רופט אויס פארשידענע נעמען, וואס זאלן אריינגיין אין די אמניבוסן. איך האב אויך געהערט אונזערע נעמען אויסרופן דאס מיר זאלן אריינגיין אין דעם אמניבוס, וואס גייט נאך ירושלים. דער מדריך איז געשטאנען ביים איינגאנג און האט ביי אונז אפגענומען די בילעטן.

אין גאנצן זענען מיר געפארן א צוואנציק פערזאן, מיינסטנס אמעריקאנישע טוריסטן און זעקס ענגלישע, בלויז יידן.

ווען מיר זענען דורכגעפארן תל־אביב ביים ים און זענען אנגעקומען צים כביש, וואס פירט נאך יפו, האט אונז דער מדריך אנגעהויבן צו דערקלערן און האט אונז געוויזן מאסיווע, גרויסע הייזער, וואס האבן אמאל געהערט צו אראבישע שייכן און עפענדיס, וואס האבן געלאזט שטיין זייערע הייזער פול געפאקט מיט כל־טוב און אנטלאפן, ווייל זיי האבן געמיינט, אז אין דריי

טאג ארום וועלן זיי צוריקקומען. וועט מען די יידן ווארפן אין ים אריין און אנעסן זיך מיטן יידישן האב און גוטס; און בפרט מיט יידישע פרויען.

מיר זענען דורכגעפארן א פלאץ, וואו אלע הייזער זענען געווארן אראפ־געריסן און עס איז געווען א ליידיקער שטח פון כביש ביז צום ים. דא, האט אונז דער מדריך דערקלערט, וועט געפלאנצט ווערן דער גרויסער פאלקס־פארק פון תל־אביב, וואס וועט אויך דינען פאר וועלט אויסשטעלונגס־צוועקן.

איז אבער געווען די צרה, וואס ער האט נאר אויסגערופן אין ענגליש. האב איך מיך אויפגעשטעלט און אים געפרעגט פארוואס ער דערקלערט נישט אין יידיש. ער האט זיך אבער נישט ווייסנדיק געמאכט און ווייטער דערקלערט אין ענגליש. האב איך אים נאך אמאל געבעטן ער זאל דערקלערן אין יידיש. האט ער מיר געענטפערט אין ענגליש, אז קיינער פון די רייזנדע פארלאנגען נישט קיין יידיש, נאר איך. האב איך אים געזאגט, אזוויי מדינת־ישראל איז א דעמאקראטישע מדינה, זאל ער מאכן אן אפשטימונג. הכלל, ער האט זיך מיט מיר נישט געקאנט קיין עצה געבן, האט ער שוין אויסגערופן אין יידיש: „ווער ס'איז פאר יידיש זאל אויפהויבן א האנט!" עס האבן זיך אויפגעהויבן זיבן הענט: פינף אמעריקאנישע און מיר צוויי.

דער מדריך איז געבליבן אן לשון און האט באלד אנגעהויבן צו דערקלערן אויך אין יידיש.

מיר זענען אדורכגעפארן א דארף, וואו עס איז אמאל געשטאנען די שטאט צרעה ווי שמשון הגבור איז געבוירן געווארן. מיר זענען שטיין געבליבן ביי אן ארט, וואס הייסט נחשון (בן עמינדב). זיצנדיק מיט דעם מדריך ביי א גלעזל טיי, האט זיך ארויסגעשטעלט דאס ער איז גארנישט אזא שונא פון יידיש, נאר גאנץ פשוט ער האט נישט קיין חשק זיך צו רייסן דעם גארגל אויף צוויי לשונות. אליין איז ער אן אדעסער און גאנץ יונג געקומען אין דעם לאנד אריין. שוין געדינט אלע עבודה־זרות ביז ער האט זיך דערשלאגן צו זיין א מדריך, הגם ער איז מיט זיין איצטיקער פרנסה אויך נישט גאנץ צופרידן.

מיר זענען ווייטער געפארן און געזעען דעם וואלד פון די מארטירערס, וואס איז געפלאנצט געווארן צום אנדענקען פון די זעקס מיליאן יידן, וואס זענען אומגעקומען דורך די נאצים, ימח שמם!

אונזער אמניבוס איז ווייטער ארויפגעפארן אין די בערג פון יהודה. פוןביידע זייטן דעם כביש ליגן אלטע טאנקען און צעבראכענע פאנצערוועגן, וואס די יידן האבן באנוצט אין דעם באפרייאונגס־קריג אנטקייגן די זיבן אראבישע ארמייען, וואס ביי די היינטיקע משחיתים זעען זיי אויס ווי „א טל ומטר" אין א קליין סידורל. און די וועלן בלייבן ליגן אלס א זכר לדורות.

מיר זענען פארבייגעפארן קרית־ענבים, דאס דארף פון די וויינטרויבן, מיט דעם הויכן קריגס־דענקמאל צום אנדענקען פון די יידישע סאלדאטן, וואס זענען געפאלן אין די בערג פון יהודה. מיר זענען געקומען אין דער געגנט פון מוצה, וואו דער פאסטוך דוד האט דערשלאגן גליתן און וואו ד"ר הערצל האט געפלאנצט א צעדערבוים אין 1898. דאס אלעס האט אונז דער מדריך דערקלערט.



שוין גאנץ נאנט פון ירושלים האבן מיר געזעען ווי עס זיצן תימנער יידן און האקן אויס פון די שטיינערנע בערג א נייעם, ברייטערן כביש, כדי דער פארקער זאל זיך שנעלער אפוויקלען.

מיר זענען ווייטער געפארן ביז מיר זענען אנגעקומען אויף דעם אוני־ווערזיטעטס־פלאץ פון ניי־ירושלים. דער אמניבוס האט זיך אפגעשטעלט מען האט אונז אדורכגעפירט דורך די גרויסע זעקס בנינים, וואס יידישע פילאנט־ראפן פון וועלט, קאליפארניע, קאנאדע, זיד אפריקע, מעקסיקא האבן געלאזט אויפבויען און אוועקגעשענקט דער ממשלה. אבער די גרעסטע פון די אלע געביידעס איז די גרויסע יידישע נאציאנאלע און אוניווערזיטעטס־ביבליאטעק. מען האט אונז אריינגעפירט אין א קעלער, וואו עס זענען אויסגעשטעלט די זיבן מגילות פון טויטן ים. דארט הענגט א פלאקאט דאס מען זאל די מגילות נישט פאטאגראפירן.

און פון דארטן האט מען אונז געפירט צום הר־הרצל. דער מאיעסטעטי־שער, שווארצער מארמאר שטיין, מיט דער גאלדענער אויפשריפט — הרצל — אויף מזרח זייט פון שטיין, האט אויף דעם גאנצן עולם אן אימפאזאנטן איינדרוק געמאכט. די אמעריקאנער האבן גלייך ארויסגענומען די קאמעראס און די פילם־אפאראטן און אנגעהויבן צו פאטאגראפירן.

מען האט אונז אויך געוויזן די קברים פון הערצלס פאטער, מוטער און שוועסטער; אויך די קברים פון די צוויי פרעזידענטן פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, דוד וואלפזאן מיט פרוי און נחום סאקאלאוו מיט פרוי.

איך האב דעם מדריך געפרעגט וואו ס'איז דער קבר פון זשאבאטינסקי און צי האט ער שוין א מצבה. האט ער מיר געענטפערט, אז יא. האב איך אים געבעטן ער זאל אונז פירן אויף זיין קבר. האט ער געזאגט, אז דאס נישט. „ווען איר ווילט, גייט אליין אהין. אט דא ליגט ער, לינקס פון הערצלס קבר". און מיר געוויזן מיט דער האנט אויף לינקס. עס איז אבער פאר מיר נישט געווען מעגלעך אליין צו גיין צום קבר, ווייל ער האט גלייך גענומען דעם עולם און מיט זיי געגאנגען ווייטער צום בית־הקברות פון די גבורים, וואס זענען געפאלן אין באפרייאונגס־קריג.

נאכהער זענען מיר געפארן צו דער גרענעץ־וואנט, וואס טיילט אפ דעם יארדאנישן טייל מיט דעם יידישן טייל פון ירושלים. מיר האבן געזעען די אמאר־מאשעע, מיט דעם גאלדענעם קופאל, וואס לויט דער מסורה האט אויף דעם פלאץ אברהם געפירט יצחקן צו דער עקדה. אויף דעם ארט זענען אויך געשטאנען דער בית־ראשון און בית־שני.

מיט איינמאל קומט צו אונז אן איינוואוינער פון דער געגנט. ער ווייזט אונז, אז אויף די דעכער פון אלט־ירושלים ליגן יארדאנישע סאלדאטן מיט די ביקסן געריכטעט אויף אונז. אונזער מדריך האט גלייך געהייסן אונזער עולם אריינגיין אין אמניבוס און מיר זענען ווייטער געפארן.

מיר זענען דורכגעפארן די שמאלע גאסן פון מאה־שערים. איך האב געבעטן דעם מדריך ער זאל זיך אפשטעלן, אבער ער האט געזאגט דעם שאפער ער זאל נאך שנעלער פארן. אויף דער גרענעץ צווישן מאה־שערים און דעם

בוכארישן קווארטאל האט זיך דער אמניבוס אפגעשטעלט. ווען מיר זענען ארויס פון דעם אמניבוס, האבן אונז א מחנה ייִנגלעך, אפגעריסן־אפגעשליסן, אונז ארומגערינגלט, אויסשטרעקנדיק די הענט. דאס האט אויף אונז אלע א שווערן איינדרוק געמאכט. דאס וואלט געפאסט פאר קאהירא, אבער נישט פאר ירושלים.

דער מדריך האט דעם גאנצן עולם אריינגעפירט אין אן אלטער בוכאַרישער שול און אונז געוויזן די ספרי־תורות און די אלטע חפצים, וואס די בוכארישע ייִדן האבן פאר הונדערטער יארן מיטגעבראכט. דערנאך זענען מיר געפארן צום מאנדלבוים־טויער.

צוריקפארנדיק אהיים, זענען מיר נאכאמאל דורכגעפארן מאה־שערים. האב איך געזען א ווייסן, לייוונטן פלאקאט הענגען איבער דער ברייט פון דער גאס, מיט פאלגענדן אינהאלט: „בת־ישראל, התורה מחייבת אותך ללבוש תלבושת צנועה. אין אנו סובלים שברחובותינו תעבורנה בתלבושת בלתי־צנועה“. האב איך שוין פארשטאנען פארוואס דער מדריך איז אזוי שנעל דורכגעפארן די גאסן פון מאה־שערים. מען האט אונז געזאגט די בחורים און ייִנגלעך פלעגן ווארפן שטיינער ווען זיי האבן געזען, אז אין די אמניבוסן זיצן פרויען, נישט צנועהדיק אנגעטון.

די רייזע נאך בת־ים. מיר זענען אין א פרייטאג נאכמיטאג געפארן נאך בת־ים, ווייל מיר האבן געוואלט זען דאס הויז, וואו שלום אש האט געוואוינט. מיר האבן זיך נאכגעפרעגט ביי פארשידענע מענטשן פון דעם שטעטל, אבער נישט אלע האבן געוואוסט וואו דאס הויז פון דעם גרויסן ייִדישן שרייבער שטייט. ענדלעך האבן מיר געטראפן א מאן, וואס האט אונז געזאגט, אז ער וואוינט אויף דער רחוב ארלאזאראוו און דארט שטייט דאס הויז פון שלום אש.

מיר זענען אריינגעפארן אין דער זעלבער גאס, נומער 48, און ביי א ווילא האבן מיר געזען א קליין שילדל אויף דער לינקער זייט פון דער טיר מיט דער אויפשריפט אין עברית: בית שלום אש, און אויף ענגליש: און אויף ייִדיש נישט.

די טיר איז געווען פארשלאסן. מיר זענען ארומגעגאנגען דאס הייזל ארום און ארום. דאס הייזל שטייט פאריתומט, פארייִנזאמט אין א גארטן, די לאדנס פארמאכט. דאס האט אויף אונז נישט קיין גוטן איינדרוק געמאכט.

ארויסגייענדיק, האב איך געטראפן א פרוי, וואס האט גערעדט דייטש. האט זי מיר געזאגט, אז דער בירגערמייסטער פון דעם שטעטל, וואס וואוינט גראד אנטקעגנאיבער, האט די שליסל פון דעם הויז און עס איז אפן יעדן נאכמיטאג אויסער פרייטאג, פון 7־4 און שבת, פון 1־10. און עס קומען טוריסטן באזוכן דאס הויז, און אזוי ווי מיר זענען דארט געווען פרייטאג האבן מיר נישט געהאט די מעגלעכקייט אריינצוגיין אין הויז אריין.

שבת אוונט, דעם 9־19, זענען מיר געגאנגען אין בונדישן הויז אויף רחוב קאלישער צו א רעפעראט פון בנימין העמבלין. דער רעפעראט האט זיך געזאלט אנהייבן אכט אזייגער, נאר האט זיך אנגעהויבן נאך ניין אין געענדיקט



נאך עלף. און מיר האבן געברויכט אויפצושטיין גאנץ פרי, ווייל אונזער עראפּלאן נאך לאנדאן פליט אפ 6.30 זונטיק פרי. טאקסיס איז שוין נישט געווען צו קריגן, האבן מיר געמוזט נעמען א באס.

מיר גייען אריין אין באס, איך גיב דעם שאפער דרייסיק פיאסטער און זאג אים, „גיט מיר צוויי בילעטן נאך רמת־אביב“. זאגט ער, „מוצאי־שבת קאסט א בילעט מיט פינף פיאסטער מער“.

מיר זענען אנגעקומען אין האטעל אריין זער שפעט און אויסגעמאטערט. דער פארטער זאגט אונז, אז נאך אונז און אונזער באגאזש וועט מען קומען פינף אזייגער פרי, און ער וועט אונז וועקן פיר אזייגער. איר קאנט אייך פארשטעלן דאס מיר האבן שוין די פאר שעה נישט געשלאפן, און מיר האבן דעם פארטער אויפגעוועקט. פונקט פינף אזייגער איז די לימוזינע געקומען. ווען מיר זענען אנגעקומען נאך לוד, האט שוין די זון געשיינט.

מיר זענען אריין אין רעסטאראן און זיך געהייסן געבן צוויי טעפּלעך טיי, האבן מיר באצאלט דערפאר צוויי ייִדישע פונטן.

אין לופט־פארט איז דא א זא געוועלב, וואו מען פארקויפט צאל־פרייע פאפּיראסן, וויסקי און בראנדיס. מיר האבן געוואלט עפעס קויפן און באצאלן מיט ישראל־געלט, האבן זיי געזאגט, אז דא נעמט מען נאר דאלארן און פונטן.

ווען מיר זענען אריין אין עראפּלאן און א סטיווארט האט אונז אנגעוויזן אונזערע פלעצער, האט מיין פרוי אים געפרעגט, „איז דא א מזוזה אין עראפּלאן“? דער מאן האט נישט געוואוסט וואס מען רעדט צו אים. ער פארשטייט נישט קיין ייִדיש. ער איז אן איראקער. „ניין, עס איז נישטא“, רופט זיך אפ פון דער זייט א סטיווארדעס, א שיינע ברונעטע, מיט בלויע אויגן.

ווען דער עראפּלאן האט אנגעהויבן פליען, האב איך געזען פון דער ווייטנס ווי די סטיווארדעס סארטירט אויס צייטונגען, ענגלישע, העברעאישע און פארשידענע אילוסטרירטע אמעריקאנישע זשורנאלן. איך רוף זי צו און פרעג זי, „האט איר אייך א ייִדישע צייטונג?“ און גלייך ברענגט זי מיר, מיט א זיס שמייכעלע, די „לעצטע נייעס“ בבקשה, און איך ענטפער איר, „א שיינעם דאנק“.

ירחמיאל ברוקס

אלס א־סדרוק פון ליבשאפט און פריינטשאפט די הארציקע ארט־סטן: די ליבלעך־באחנטע עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג, א מתנה.

## צווייגן

עס טרעפט: אמאל כאפט ווען א פוריע
ברעכט ער צווייגן פון ביימער,
און שלידערט זיי צו די ערד;
אזוי האבן „זיי“ אראפּגעבראכן,
אונדזערע קינדער פון מאמעס הענט,

געשליידערט צו דער ערד
און צעשמעטערט !
עס טרעפט : אמאל הייבט ווער אויף
אן אפּגעבראכן צווייגל
טראָגט זיך הערמיט ארום
און באדויערט עס ;
ווער קען אויפהייבן אונדזערע קינדער
און זיי באדויערן ? . . .
— קיינער ! קיינער ! קיינער !

## נישט פארצווייפלען

עס איז נאר א דורכווייענדיקער ווינט —
נישט פארצווייפלען מיין קינד :
מיר זיינען אלטעביימער,
טיף און ברייט.
אין די ערד פארווארצלט,
מיט גרויסע קרוינען,
וואָס באציערן די וועלט ;
שטאַרקע שטורם ווינטן
קאָנען פון אונדז די בלעטער אפּרייסן,
די צווייגן אפּברעכן,
אבער נישט די קרוינען !
שטאַרקע טיף פארווארצלטע ביימער
קאָנען ווינטן נישט אויסרייסן !
נישט אויסווארצלען !
מיר זיינען ביימער אייביקע,
וואס גיבן דער וועלט פּירות שפּייזנדיקע.
מיר וועלן אייביק זיין !
עס איז נאר א דירכווייענדיקער ווינט, —
נישט פארצווייפלען מיין קינד ! . . .

## דו א נענופאר *

דו ביסט אין מיינע אויגן א נענופאר :
דיין קלייד — גרינע בלעטער,
דיין געזיכט — א ראָזע־קרוין.
איך זאל אזוי צו דיר נאָענט זיין,
און דו זאלסט אזוי אין מיר זיך שפּיגלען,
ווי אין וואסער א נענופאר . . .

* וואסער ליליע.



## א. נ. שטענצל

## פונם תוהו - ובוהו ארויס . . .

דאס יאר 1917 ! נישט נאר ס'איז נאך געווען מלחמה, דאס פערטע יאר שוין ; דאס פערטע יאר מלחמה, מיט אירע צוויי שדים־באגלייטער — הונגער און עפּידעמיעס. נאר די מלחמה האט זיך ערשט צעפלאקערט. אמעריקע איז צוגעקומען צו די „אליאירטע". די „דיקע בערטא" ווידער האט אנגעווארפן א שרעק און די אויסגעמאטערטקייט פון די פארגאנגענע דריי מלחמה־יארן האבן דאס פערטע נאך מער פארמוטשעט. פון אלע זייטן די מלחמה־פראפּאגאנדע האט געפאכעט און געפּיפן ווי מיט בייטשן אויף א פארמאטערט פערד, וואס אט פאלט עס פון די פיס און אט שטעלט עס זיך דובאם. דערצו זענען צוגעקומען רעוואלוציעס, אויפשטאנדן, פּאגראמען און צום סוף די אויפהירזשענדיקע פרייד, די וועלט איז ממש ווי ארויס פון אירע האלאבלעס — די קאמוניסטישע איבערקערעניש ! דאס פארזיכערן דעם פּוילישן פאלק פון ביידע זייטן מלחמה־פירער א פּוילישע מלוכה און אחרון הער פריידאויסברוך אויף דער יידישער גאס : „די באלפור־דעקלאראציע".

די אפּגעשוואכטע, די פארמוטשעטע — בפרט די נישט־הערנערטע יוגנט ! — איז ווי פארשיכורט געווארן פון שמחה, וואקלדיקע, פון די פיס־פאלנדיקע, האפּערדיק־באטרונקענע, מארשירט אינע קייגנאיבער די אנדערע און שטויסט זיך אן איינע אין דער צווייטער, פּאכעט מיט די פענער, וויזט פּויסטן, ציט מעסערס פון די טאשן, פון די כאלעוועס. בלוט האט נישט ווייניק גערונען דעמלט אין יענעם יאר, נישט נאר אויף די מלחמה־פעלדער, אין די אקאפּעס, נאר אין די שטעט, אין די גאסן, אין די יידישע שטעטלעך.

יא, עס איז געווען א פרייד ביי דער יידישער יוגנט, אז זיי קאָנען אויך זיין העלדן, גבורים, זיך באטייליקן אינם מענטשלעכן געראנגל, צולייגן א האנט צום „פּראגרעס" פונם מענטש, צום פארטשריט פון דער וועלט, צו דער באפרייאונג פון אונטערדריקונג און נויט. זעכצן, זיבעצן אכצן־יאריקע בחורימלעך און יונגע מיידלעך האבן דיסקוטירט גערעכטיקייט, פּאליטישע עקאנאמיע ; אנגעטון זיך אין יידישלעכע אוניפארמען, געטראגן נאציאנאלע אפּצייכנס און געזונגען „עם ישראל חי !" — „אין בלוט און אין פייער זענען מיר אונטערגעגאנגען, און אין בלוט און אין פייער וועלן מיר אויפלעבן !"

צענדליקער לידער האב איך געשריבן יענעם זומער 1917, און הונדערטער לידער יענעם אסיען און ווינטער 1917־18. עס איז געווען ווי איך וואלט געכאפּט דעם סטראַי מיט יענעם ערשטן ליד אנגעשריבן אין דער נאכט צום ניינטן מאי, אין  דער נאכט פון מיין צוואנציקסטן געבוירנטאג — עס איז געווען אן איבערברוך אין מיין לעבן, א באשלוס — אן אנהאלט ! — איך האב געפונען אן אינהאלט, א זין, א תכלית — כ'האב מיך אנגעהאלטן אין מיין לייב און לעבן.

עס איז געווען ווי מיט יארן פריער ביי דער גמרא ! אנשטרענגענדיק געווען דאס אריינשפּרינגען אינם ים־התלמוד, און דאס שווימען, דאס לייגן קלאַפּטער — די התמדה, דאס שאקלען זיך טאג און נאכט, דאס אנגיין אין שוויס מיט

יעדן פרישן בלאט גמרא געווארן נאך פיל פארמאטערטער — תורה מטיש כוח! אבער מיטן זאגן דאס ערשטע פשטל, מיטן ערשטן אייגענעם איינפאל, מיט דער „ווילדער המצאה" זענען שוין געגאנגען לעבעדיק, ווי א וואסער. יעדע שווערע תוספות־קשיא, יעדער הארבער רמב"ם, איז געגאנגען ווי געש־מירט — א דריי מיטן גראבן פינגער און ס'איז געגאנגען, ס'איז געפלויגן; ווי א גוט געשמירט ראד. ס'איז געווען ווי אזא מין טריק, א ספרענזשינע, א שפינדל און דער קאפ דרייט זיך און ס'פליען אויפטועך, איינפאלן: „און לפי זה איז דאך ממילא אלץ פארענטפערט" — ס'איז געווארן א האזארד אזא! צו דער בר־מצווה קוים געקענט מאכן די ברכה איבערן סבר, אבער דאס כשטל איז געווען אויפן קאפ זיך צו שטעלן . . .

און איצט מיט מיין ערשטן ליד, מיטן ערשטן סטראי — כ'בין געווארן ווי עפעס א מין אנגעסטראיעטע פידל! — איז אלץ געווארן „טעמע". און אז כ'האב נאר געהאט די טעמע איז „באשאפן" געווארן א ליד — א לעבעדיק ליד! עס גיט לשון, עס גייט אויף אלע פיר, עס צעוואקסט זיך און ס'ווערט גרויס — כ'בין געשטאנען אליין פאר א וואונדער: איך לייען עס און עס רעדט צו מיר, עס שרייט, עס מאכט געוואלדן . . . און ווי שטיל ס'קאן זיין א קינד איינצוואוויגן, א וויג־ליד, איילו־לו־לו . . . איך נעם עס ארויס צום וויפלטן מאל און לייען עס איבער און דאס הארץ קלאפט מיר מיט יעדן ווארט: טאק־טאק, טאק־טאק; איך צייל איבער: טאק־טאק, טאק־טאק. עס איז ממש נישט צו פארשטיין אפגעציילט . . .

און מיט טעמעס בין איך געווען פול! קודם די מלחמה: מענטשן ווערן געהרגעט, מ'שיסט זיך, מ'ווערט פארוואונדיקט. מ'הרגעט זיך צום טויט! מענטשן און פערד וואלגערן זיך אין זייער זידיק בלוט. פארוואס? פארוועו? עס איז געווארן מער ווי „טעמע", טיפער ווי פשטל, ווי המצאה — עס איז מיר געגאנגען אין נפש! עס האט מיר וויי געטון! כ'האב געשפירט ווי עס מישט זיך מיין אייגענע נויט, מיין אייגענע יוגנט! מיין ליידנשאפט, מיין ליבע, ראנ־גלענדיק זיך צווישן זיך, זענען מיט־ארייגעצויגן אין דער גרויסער מלחמה. מיין צעמישעניש, דאס געברויז אין מיין בלוט האט גענומען ארויסשרייען פון מיר. מיט די נייעסן, וואס וועוטשע האט מיר געלייענט פון זיינע פעק מיט צייטונגען, פון דוד ריכטערס ווערטער, וואס ער פלעגט מיר איינטייטשן אן ארטיקל; עס האט זיך אפגעשטאנען אין מיר, זיך געזעצט אין מיר און ביינאכט האט עס געטראפט ווי פונם „גאלגאנסקער" בלעכענעם האן פון דער כעסטע־ליר־מאשין ביי דודן אויפן טיש: טאק־טאק, טאק־טאק און — ס'איז געווען א ליד.

אין דער פרי גענומען די תפילין אונטערן ארעם און אנשטאט צו גיין אין בית־מדרש, אין שטיבל, מיט דער „גובערניע" ארויס אויף די לאנקעס, צום וואסער. די בלימלעך, די גרעזער טוקן זיך אין ראסע, פוןביימער טריפט דער טוי; כ'בלייב שטיין פארגאפט — „מה נאה אילן זה" — און ווידער א ליד, א שטילס, א פאמעלעכס, א וויגנדיק עופהלע אין ארעם — קאפ־קאפ: עס טריפן די טוי־טראפן פון די ביימער.



כ'האב געהאט אין וואס מיך אנצוהאלטן, אין וואס מיך צו קלאמערן, מיך נישט צו פארלירן אין תוהו־ובוהו פון מיינע פארפלאנטערטע מחשבות און געפילן, מיינע ווילדע הוריות — דער מוח האט געארבעט, דאס הארץ איז געווען פארטון, האט זיך געמוטשעט, האט זיך געפריידט. דאס בלאט גמרא איז עס קיינמאל נישט געווען, כ'בין קיינמאל נישט געווען קיין צו גרויסער מתמיד — א „פשטל־זאגער"! א חסדישע תורה אויפכאפן האב איך גערן געהאט, און אציבד איז עס געווען דאס ליד. כ'בין געווען פול דערמיט — כ'בין געווען פול מיט מיר! עס איז שוין געווארן מער ווי ליידנשאפט, ווי חשק — עס איז געווארן א טייל פון מיר.

נישט נאר וועוטשע און דוד ריכטער, דוד פייגנבוים און דער מומע שרהס איניקל, ראובן בראנדעס, האבן געוואוסט פון מיין שרייבן — וועוטשע האט מיך געיאגט צוצוגרייטן אפאר ריינע „קאפיעס" אויעקצושיקן אין רע־דאקציעס — נאר ווי איך האב מיך נישט געהיטן מיט מיין מלאכת הקודש, אז מ'זאל אין דער היים דערפון נישט וויסן, האט עס דאך נישט געקענט בלייבן אומבאמערקט; אין יעדן ווינקל אין שטוב האט זיך פארוואלגערט א שטיקל פאפיר, אויף וועלכן כ'האב פארשריבן א ליד. און געשריבן האב איך אומעטום: אין שטוב, ביינאכט אויפן „טישל", אין שטיבל אונטערן טיש האבן די פינגער פארקראמפט געקריצלט; געבליבן פלוצלינג שטיין אינמיטן גאס ביי א וואנט און אנגעשריבן א ליד. אהיימקומענדיק, האב איך עס שוין נישט געהאט, ערגעץ געבליבן ליגן אדער ארויס מיט די פאפירלעך פון טאש.

דאס בלויזע אנשרייבן, עס ארויסברענגען אויפן פאפיר, איז געווארן א באדערפעניש, א נערוועזקייט, א נישט־קאנען זיך באהערשן, א נישט־קאנען אויסהאלטן; אנגעשריבן, פארטיק, כ'בין דערלייזט.

שבת, אינמיטן דאווענען, אן אויפגעקאכטער: אן איינפאל, א נייער גראם. ארויסגעלאפן אין בית־הכסא אריין און צוריקארייגעקומען א באראיקטער, באפרייט פון אן אויפרעגונג, פון א באפאלענער תאווה און ארייגעפלן צוזאם מיטן דבקותדיקן עולם — נישט וויל געוואלט פארדעקן עפעס א באגאנגע־נעם חטא, א חילול־שבת! — אינם ברענענדיקן ריטם פון „נשמת כל חי", אינם כ„אל אדון"־געזאנג. ביי תאווה, אין התלהבות ווערט בטל יעדע סתירה — מען ווערט פארכאפט דערפון; דאס פאקטישע לעבן, דער דרך החיים שפילט קיין גרויסע ראל נישט מער — מען איז אליין דעמלט ברענענדיק לעבן!

צי דער טאטע האט זיך געכאפט פון זיינע שמועסן מיט מיר, צי ס'איז אים ארייגעפאלן אין האנט אזא פארשריבן שטיקל פאפיר — א ליד איבער גאט, איבער דער נאטור, א שטיל ליבע־ליד, א צעשטורעמט תאווה־געשריי; איינמאל אין שטיבל — דעם שיעור אין דער פרי אין שטיבל האט איך ווי נישט איז געפילעוועט — נאכן לעצטן מנין, דער טאטע איז טרויעריק־פארטראכט, לייגט אפ פאמעלעך די רבינו תם'ס תפילין, וויקלט די רצועות איבער די בתים לענגער ווי תמיד; פארבייסט די וואנסע, נעמט אראפ דעם של־יד און גייט צו צום שולחן און גיט א קלאפ: „בחורים, איר זאלט וויסן, ער איז אן אפיקורס!"

עס איז געווארן שטיל ביים טיש. אלע האבן אויפגעהויבן די קעפּ צו מיר, און איך קוק צום טאטן. כ׳האב געזען, אז ס׳איז נישט עפּעס אן המצאה — עס איז ערנסט! עס גייט אים אין נפש! עפּעס האט ער מיך געכאַפּט ביי א זאך, מסתם, וואס ער טאר שוין נישט פארדעקן על־פּי דין —

אבער דאך! אחוץ זיין טאטעדיקער ליבשאפט צו מיר און מיין יראת הכבוד צו אים, האבן די מלחמה יארן, די נויט, די ארבעט, די משפּחה־אחריות אונז פארבונדן אין א נאנטקייט פון א מין חבריש פארטרויען איינער דעם אנדערן; פון א מין שפּירנדיקער ידידות פון איינעם צום צווייטן... וואס טוט זיך דא?! איז טאקע „יקוב הדין את ההר“? מיינע צוואנציק יאר אין מיר האבן אויפגעהויבן דעם קאפּ, אויפצובריקן צו פּראטעסטירן ... צו זאגן דעם אמת, מיך צו פארענטפערן, צו מאכן א הלצהדיקן וויץ פון גאנצן עסק... מיינע בלייציטערדיקע הענט האבן געטאפּט אין קעשענעס, אין איינער דאס שטיקל שטיפט, אין דער אנדערער א שטיקל פּאפּיר: יא, „יקוב הדין א ההר“! דוד ריכטער איז גערעכט. ווי שוואך זיי זענען, קעמפן זיי מיט אלע וואפן, און מיר מוזן אויך קעמפן. איך זאל נאר נישט פארגעסן: „אזוי זאל עס הייסן — יקוב הדין את ההר...“ און מאדנע, דווקא די אויפגעבראזטע אויפרעגונג האט מיין געמיט איינגעשטילט.

כ׳האב דערזען די ערנסטקייט, דעם טרויער אויפן טאטנס פּנים ווען ער האט זיך געגרייט צו זיין באשלוס און געזען איצט די בארואיקטקייט, די איבערגעלייטערטקייט — ער האט עס אפּנים געמוזט! זיך באפרייען פון אן אויפגערעגטקייט, פון א נערוועזקייט... ער האט נישט געהאט איצט דעם שמייכל אויפן פּנים ווי תמיד נאכן דאווענען, אבער א געמיטלעכע רואיקייט, א באפרייאונג פון עפּעס — אפּגעשאקלט פון זיך און פּטור! אראפּגעווארפן פון זיך אן אחריות — ער האט שטיל צוגעלייגט דעם טלית.

איך האב פארמאכט די גמרא און בין צוגעגאנגען צו אים: „טאטע, וואס טוט זיך עפּעס? אין עונשין אלא אם כן מזהירים“.

דער נאכן־דאווענען שמייכל האט זיך באוויזן: „אז דו רעדסט נאך מיט דער גמרא, איז גוט... דאס איז טאקע געווען די הזהרה“.

„טאטע, דאס איז א פּאטש אין פּנים אריין“.

„ניין, אין שולחן! א טאטע גיסט אויס זיין צארן „על העצים“, נישט „על הבנים“, צעשמייכלט ער זיך שוין פון זיין המצאהדיקן איינפאל, פון דעם ווארט־שפּיל: „א פּאטש אין פּנים אריין העלפט זיכער נישט, אבער כ׳בין שוין שטארק מסופּק צי דער פּאטש אין שולחן קאן דיר נאך העלפן... כ׳וויל נאר, אז זיי, די בחורים ביים טיש, זאלן נישט ווייט פארקריכן מיט דיר... דו ביסט שוין צו ווייט פארקראכן... אין עולם השטי אריין... דו ביסט שוין א מקצץ בנטיעות, חלילה“. דער ערנסט, דער טרויער האט זיך אים ווידער פארשפּרייט אויפן פּנים, געקראכן מרה־שחורהדיק אין דער באָרד אריין.

דער טאטע האט גענומען דעם טלית־ב׳תפילין־זאק אונטערן ארעם איך ס׳תפילין־זעקל און מיר זענען ארויס פון שטיבל. פון גערעייגעלייט שטיבעל איז ארויסגעקומען הענעכל משה וואלבעראמערס מיטן



פאטער, ר׳משה וואלבעראמער, דער ראש־ישיבה פון דער ישיבה קטנה ביי דער תלמוד־תורה אין דער גארנצארסקער גאס. הענעכל האט איצט געטראגן א שווערן טלית־זאק ווי זיין פאטער, נאר א סאמעטענעם א נייעם, מיט גרויסע פּערלמוטערנע קנעפּ צו פארקנעפּלען — ער איז געווען אן איידעם אויף קעסט ביי אן אויפגעקומענעם מלחמה־נגיד. דער פאטער, א פארטרוענער אינמיטן א שמועס אין לערנען, האט ארויסגענומען א פּעקל פּאפּיראסן, פארראיכערט איינעם און מכבד געווען דעם זון — הענעכל איז געווען צוויי יאר ייִנגער פון מיר. מיט א האלב יאר פריער, ווען דער פאטער זעט אים רויכערן א פּאפּיראס, לאזט ער אים אראפּ א פייערדיקן פּאטש. אבער איצט — א בעל־ביתל, מיט א גרויס סאמעטען קאפּל ארויס פון אונטערן היטל און מיט א סאמעטענעם טלית־זאק אונטערן ארעם.

דער טאטע איז נאך געווען פארטועט מיט זיך, ער איז נאך נישט פארטיק געווען. איך האב פון דער זייט אהינגעקוקט צו די צוויי און א פריילעך לידל האט זיך מיר שוין גענומען דרייען אין קאפּ: א פּלפּול „אותו ואת בנו“. עס איז געווען א פריילעכס, איבער מיר? איבער זיי? איז עס געווען אין קשיא, וואס ענטפערט די אנדערע? — כ׳האב דעם טאטן אנגעשטעקט מיט מיין פריילעכקייט! ער האט דערשפּירט, אז עפּעס ארבעט אין מיר; אז ס׳איז נישט א לאכן, אן אפּלאכן — עס איז שמחת־המצווה: עפּעס ארבעט אין מיין קאפּ. ער איז שטיל געגאנגען ביי מיין זייט... א, ער האט געהאט אסך צו זאגן; אסך. ער איז אבער געגאנגען פיל מיט ליבשאפט צו מיר, מיט נאנטקייט — מיר האבן זיך ווידער דערשפּירט...

איך האב אנגעהויבן: „געדענקסט, מיר האבן ביידע, איך מיט הענעכלען, געוואלט אוועקפארן אין א ליטווישער ישיבה אריין? האסטו געזאגט דעמלט צו מיר: ‚גיי דיך ליבער שמ...‘“ ער האט מיך נישט געלאזט ענדיקן דאס ווארט: „זעסט דאך טאקע, אז ער איז געבליבן א חסידישער יונגערמאן, און לויט ווי כ׳הער וואקסט ער א תלמיד־חכם. וואלפיש האלט פון אים. דו ווייסט דאך, אז איך בין נישט גורס גער, בפרט איצט מיט זייער חברותא מיט דייטשע ראבינער... אבער אין גער לערנט מען! עס איז נישט די גיינצן בריוו פון א דאקטאר סאמסאן רעפאעל הירש — רעצעפּטן אויף טיילעפעלעך, לאקרעץ־זיסלעך...

פון שמועס ביז אהיים — און דאס אריינלאזן זיך אין פארשיידענע ענינים צו פארגלעטן, צו פארטושן דאס געטוענע — האבן איך ארויסבאקומען, אז ער האט אויך אמאל געזינדיקט מיט שטותים, נישט אין זשארגאן, נאר אין לשון־קודש... אבער דאס זענען דאך אלץ שפּילערייען; א טפל קייגנאיבער א בלאט גמרא, ממש קינדישע שטותים... ווי זאגט יהודה הלוי: פּרחים, אבער נישט קיין פּירות... אבער אז מ׳מאכט עס פאר אן עיקר, איז עס אפילו נישט קיין טפילות ס׳ווערט תיפלות — ס׳ווערט תיפלות.

„טאטע!“ איך האב מער נישט געזאגט, אבער דאס ווארט טאטע איז ארויסגעקומען אין אזא טאן, אזוי שארף עס מטעים געווען אין מיין איינגעהאלטענער אויפרעגונג, אז דאס ריידן איז ווי איבערגעשניטן געווארן.

מיר זענען שטיל־שווייגנדיק אהיימגעקומען. דער טאטע איז געבליבן שטיין דרויסן אין סקלאד און איך בין צוגעגאנגען צום טיש צווישן די ספרים און קאכל־אויוון.

זייט דעמלט אין דער שטוב געווען ווי צוויי רשויות, צוויי אפגעטיילטע רשויות. דער טאטע, ווען ער האט צייט געהאט, איז געזעסן ביי דער גמרא, ביי א ספר ביים גרויסן טיש און איך, א פארשטעלטער פון דער גרויסער, שווארצער גמרא־שאנק, ביים „זיידנס טישל" און געטון וואס כ׳האב געטון. נישט נאר האבן מיר זיך נישט געשטערט איינער דעם אנדערן, נאר אפילו נישט געזען איינער דעם צווייטן.

אויף דעם זיידנס טישל, מיטגעברענגט נאך פון טשעלאדזש, האב איך אנגעהויבן שוין צו סארטירן די „פאפירלעך" און ארייגשרייבן זיי אין קאיעטן. אפילו געסארטירט זיי מיט א געוויסן סדר: מלחמה־לידער, נאטור־לידער. כ׳געדענק נאך אפילו א נאמען פון א גרעסערער פאעמע, א מין באלאדע: „די צוויי בעל־תפילות".

מער געדענק איך נישט פון יענע לידער, פונקט ווי פון מיינע פשטלעך אין לערנען . . . א צוויי־דריי וואלגערן מיר זיך נאך אפשר אין קאפ.

וואס איך געדענק צום דייטלעכסטן פון יענער שרייב־צייט — און אפשר מיין אקטיווסטע, זיכער מיין אינטענסיווסטע; יעדער בראשית איז ספאנטאן, פאעזיע אין בפרט תוהו־ובוהו צייט—זענען דווקא די צוויי איין־אקטערס. איינער טאקע נאך א טעמע, א מין דערלעבטער רעפארטאזש; דער צווייטער, אזא רעאליסטיש־בולט געפיל — אן אינערלעכקייט מיט די הענט אנצוטאפן. נאך איצט, ווען כ׳דערמאן מיך ווערט אין מיר שטיל; כ׳ווער איינגעשלאסן אין אן אטמאספערע, וואס הייבט מיך אריין אין אן אנדערער וועלט — אין אווירקלעכקייט, וואס לעבט פארחלומט אויף אין מיר; וואס צעשפרייט זיך אין מיר — וואלט איך דעם איין־אקטאר געקאנט צוריק קאנסטרואירן! ס׳וועט אבער נישט מער זיין דאס. די הענט זענען נישט מער אזוי שפילעריש־חושימדיק — מ׳קאן לעבעדיקס נישט קאנסטרואירן . . .

כ׳געדענק ס׳איז געווען א ווינטער־נאכט. אין דרויסן שיט א שניי פאמעלעך שנייעלע נאך שנייעלע, און דרינען איז אזוי שטיל, אזוי שטיל. מ׳הערט ווי ער קומט אן. אייגנטלעך איז אויף דער סצענע גארנישט געווען. מ׳הערט ווי הינטער דער טיר דרייען זיך די טריט, מ׳הערט דאס סקריפען אין שניי . . . אלץ ווייטער און ווייטער ביז ווערן פארפאלן ערגעץ; אזא שטילקייט, אזא שרעק . . .

נייך, כ׳וועל ליבער פרואוון צו קאנסטרואירן דעם ערשטן איין־אקטער, דעם רעפארטאזש אזוי צו זאגן. דערציילן דעם ספור־המעשה, די פאבל, די מעשה־שהיה, פון וועלכן כ׳האב געשריבן דעם ריין רעאליסטישן איין־אקטער „דער גט".

ביי אונז אויפן הויף, דעם גרויסן הארעוויטש־הויף, אין דער לאנגער אפיצינע מיט די פענסטערלעך צו דער „גובערניע" ארויס און די טירן צום הויף צו, האט געוואוינט א ייד א טרעגער מיט א שלעפ־וועגעלע. ער איז



געווען א קראנקער, אן אויסגעארבעטער, א יאדעשליוער, א היסער, א הויכער, א דארער — אין איבערגעבראכענער זהעכליאק! דאס וועגעלע שטופן האט ער שוין מער נישט געקענט. האט ער זיך לפנים איינגעשפאנט אינם שטריק, געהאלטן דאס דרענגל און דאס ווייב זיינס האט אים אונטערגעשטופט.

זי איז געווען יונגער פון אים, אן אסאבע, א רויטלעכע אויפן פנים, רויט־אויסגעצוויקלטע באקן, א שיינע יונגע פרוי. ווען זיי האבן חתונה געהאט איז מסתם ער געווען א ריז. ווען דאס פאר, שבתדיק אנגעטון, האט שפאצירט, האט מען זיי זיכער פון אלע פענסטער נאכגעקוקט. די מלחמה האט אים איינגעבראכן, זיך איינגעפרעסן אין זיינע ביינער. אצינד, אז מען זעט זיי אזוי, שאקלט מען נאך מיט די קעפ און נישט ביי איינעם רייסט זיך ארויס א זיפץ: „נעבעך, וואס ס׳קאן ווערן פון א מענטש!"

פרייטאג פארנאכט, ווען מיר זענען שוין געגאנגען אין שטיבל אריין צו קבלת־שבת און מ׳האט זיי געזעען אהיימיאגן מיטן וועגעלע, פלעגט דער טאטע מיט ליבשאפט מיך אנקוקן: „זעסט, אזוי האבן געמוזט אויסזעען אדם וחוה ווען מ׳האט זיי פון גן־עדן ארויסגעטריבן". תמיד די זעלבע ווערטער, קיין ווארט נישט מער. און תמיד האט זיין פנים באקומען דאס זעלבע שבתדיק־פארטראכטע אויסזען. די ווערטער האבן אויך געמוזט זיין „טעמע", א געדאנק ארומגעהילט מיט געפילן: „אדם וחוה", מאן און ווייב, ליבשאפט, קראנקהייט, און בויט, גאטס קללה גיסט זיך . . . אבער די געטרייקייט פון מענטש, די איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן . . . זעסט וואס א ווייב קאן זיין? זאל ער נאר לפנים זיין איינגעשפאנט און זי וועט שוין מיט אלע כוחות צוהעלפן — „מזמור שיר ליום השבת" . . . „אשת חיל מי ימצא".

דאס פארפאלק האט קיין קינדער נישט געהאט. זיי האבן זיך נישט געוואלט גטן — זיי האבן זיך ליב געהאט!

שבת בייטאג נאכן עסן זענען זיי געזעסן צוזאם פאר זייער טיר. ער אין סאמעטן וועסטל און זי אין דער זיידענער ספודניצע; עס האט געאטעמט פון זיי מיט שבתדיקער ווארעמקייט — דער גאנצער הויף האט זיי ליב געהאט.

און מיטאמאל, שוין אין ערשטן מלחמה־יאר, האט ער באקומען די סוכאטעס. זי האט אים פארגאסן דעם האלז מיט גאגל־מאגלס, מיט סמעטענע. ס׳האט זיך געשלעפט, געשלעפט, אבער בלויז פארשלעפט און נישט געהאלפן — די „גאלאפירנדיקע שווינדזוכט"! זיי האבן זיך נישט געלאזט, זיי האבן אלץ דאס וועגעלע געשלעפט.

ביז איין שבת, ער איז געזעסן ווי א סקעלעט, די שפיצן פון סטארטשענדיקע באקנביינער האבן געגליט מיט א גלאנץ, ווי שפיץ־מעסער דורך דער דורכזיכטיקער הויט זיך ממש אדורכגעשטאכן. די אויגן האבן געברענט מיט פאלשע פייערלעך. און זי, ווי זי וואלט נאך שענער געווארן. דער פולער בוזעם האט זיך נאר אזוי באוועגט, דאס רויטלעכע פנים געשפראצט: זי וויל אים נישט וויזן ווי קראנק ער איז . . . האט עס געהייסן. איר ווארעם־שבתדיק געלעכטער פארקלינגט דעם הויף. און פלוצלינג א געלויף פון אלע טירן: ער איז אראפגעפאלן פון בענקל אין א קאלוזשע בלוט. מ׳האט אים אריינגעטראגן

אין שטוב אריין, דער גאנצער הויף האט זיך געפארעט ביי אים און פון אלע זייטן איז מען געלאפן נאכן דאקטאר, נאך ווינדמאגנען דעם פעלדשער.

קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט. דער ברודער זיינער איז געווען איינער פון די וואוילע־יונגען — מ׳האט אים געקענט אויף דער גובערניע! און מיט אזא איינעם צו האבן צו טון מיט א חליצה־געבן — ער וועט דאך זי אויסנאגן, זי אויסנאגן ווי א לימענע!

ווען מיר זענען אים אריינגעקומען שבת־צו־נאכטס מבקר־חולה זיין, האבן די צאנקנדיקע אויגן אויפגעלויכטן מיט א געבעט:

„ר׳חיים בעריש, מיר קאן מען שוין נישט העלפן. אבער מיין ווייב . . . אז זי זאל נישט אריינפאלן אין מיין ברודערס הענט". די פרוי איז נאך רויטער געווארן, אירע פארהארעוועטע הענט האט זי ארונטערגעכאפט אונטערן שבתדיקן שערצל. ווי א פארשעמט, דערוואקסן בוגרת־מיידל איז זי געשטאנען צוקאפנס פון בעט.

„ר׳מענדל", האט דער טאטע זיך קוים איינגעהאלטן נישט צו פארלירן די שבת־צו־נאכטיקע מנוחה פון פנים, „שבת היא מליזעוק". גאט וועט אייך ביידן העלפן". דער חולה האט זיך צעוויינט.

זונטאג באלד אין דער פרי איז דער פעטער ראובן אבא דער סופר שוין דא געווען און מ׳האט געשריבן דעם גט. דער טאטע איז געשטאנען צוקאפנס און אים אלץ געמונטערט: „ר׳מענדל, ס׳איז דאך נאר א גט אויף א תנאי. דאס איז דאך אייער ווילן . . . ס׳מוז דאך אלץ זיין כדת וכדין".

צוויי מענערישע, צעארבעטע הענט, רויט־צעשעקעצטע, האבן זיך ארויסגעשארט פון אונטער דעם זיידענעם שבתדיקן שערצל צו נעמען דעם גט. אבער דאס פנים איז אלץ געווען דאס זעלבע — א יאדערדיקס, מיידליש־פאררויטלט. און מענדל טרעגער איז געלעגן א צעשטרעקטער אין בעט, נשתנה־צורה, א פרעמדער א פארלוירענער.

ביים ארויסגיין האט דער טאטע זיך אויסגעדרייט צו דער פרוי און שטיל איר געזאגט: „עס וואלט גוט געווען ווען מיט אייך קאן נאך ווער זיין אין שטוב. איר ווייסט דאך, פון אצינד אן זענט איר שוין נישט מער זיין ווייב".

די מיידלישע רויטקייט איז אראפ פון פנים, שנעל דעם גט ארונטערגעכאפט אונטערן זיידענעם שערצל און מיט גרושהדיקער פארפרעמדקייט געפרעגט: „וועל איך ברויכן צו זיצן שבעה?"

דער טאטע איז געבליבן שטיין צום צייכן! ער האט מיך אנגענומען ביי דער האנט, פשוט זיך אנצוהאלטן. ער האט מסתם זי געוואלט אנשרייען: „יידינע, איר האט נישט קיין צייט? מיט דער שאלה וועט איר שפעטער קומען!" מיר האבן מסתם געטראכט דעמלט די זעלבע געדאנקען. אויפן הויף ארויסקומענדיק, קומענדיק צו זיך, האט זיין פנים צוריק אויפגעלויכטן — עס איז נישט געווען קיין איינפאל, ער האט גערעדט פארטראכט מער צו זיך; עס איז געווען צו קענען פארשטיין דעם גאנצן ענין: „וואס עס הייסט א ווארט פון דער תורה: ,וכתב לה ספר־כריתות׳, עס שניידט אדורך, עס מאכט א ריס! האסט אים אנגעקוקט ווי ער איז געבליבן ליגן? און זי? נישט נאר נשתנה־



צורה, נאר ממש אינגאנצן אן אנדערע, א פרעמדע". מ׳האט געזעען, אז ער וויל זי פארענטפערן, פארשטיין: א „ווארט פון דער תורה? ,ספר כריתות׳, צוויי באזונדערע מענטשן, א גרוש און א גרושה — זי איז איצט אסור צו א כהן! פארשטייסט, אדם וחוה פארטריבן פון גן־עדן".

אין יענער נאכט האב איך אנגעשריבן דעם איין־אקטער: „דער גט".

דוד ריכטער איז מער נישט געווען, אז כ׳זאל אים דאס אנגעשריבענע ווייזן. זינט דער איבערקערעניש אין רוסלאנד איז דוד ריכטער ווי אריינגעפאלן אין וואסער אריין. מ׳זעט אים נישט — קאנספיראציע! גאנצע לעגענדעס, מעשיות: טראצקי, לענין, בארוכאוו, די יידן אין רוסלאנד —

וואוטשע שווימט, לויפט, דיסקוטירט — די טאשן פול מיט צייטונגען, דער בראניסלאוו גראסער־קלוב, די נייע ביבליאטעק: „דו זעסט דאך, כ׳מוז מאכן די לעקציע, דער לאמער סטודענט ווארט אויף מיר" און ער ווייזט מיר דאס פוילישע ביכל אין בוזעם טאש — די פוילישע מלוכה איז אויפן וועג!

און אין שטאט ווערט די ארעמקייט נאך גרעסער. דער „פאסעק" ווארט נאך אנגעצויגענער! און די פאסקאזשעס האנדלען שוין נישט מיט סחורות, נאר מיט ליידיקע קעסטלעך אין די קעלערס . . . אזויפיל און אזויפיל קעסטלעך פאר אזויפיל און אזויפיל פאפירלעך . . . אזוי שרויפן זיך די פרייזן מיד ליד — אזא מין האזארד־שפיל; קעסטלעך, פאפירלעך, א נא־באנק שפיל . . .

די דייטשן ווייסן שוין אפנים, אז זייערע וואכן זענען געציילטע און זיי שלעפן ארויס וואס זיי קאנען „מחוט ועד שרוך נעל" — די מעשענע קליאמקעס פון די טירן, די קופערנע ראנדלעס פון די ווענט.

איבערן גרויסן גלאק פון דער יאסנא־גורא דערציילט ס׳גייעס גאנצע נסים —ער איז איינגעזונקען געווארן אין דער ערד! די מאנאכן אויבן ווייזן אן דאס לאך און די באבעס שטייען און ציילעמען זיך.

אין שטיבל, אין בית־מדרש קאכט עס — משיחס צייטן: מלחמות גוג ומגוג! מ׳לייגט דעם טערק אנידער, א יידישער לעגיאן גייט אויף ארץ־ישראל — ירושלים, די כותל־מערבי, דער מאמע רחלס קבר . . . דער מוח הייבט זיך! ווי די הענער שפרינגט מען זיך אין די אויגן אריין, איבער די גמרות, איבער די טישן: „א נייעם משיח, חיימל בן מאטעלע" . . . „אם ד׳ לא יבנה!" עס קאכט ס׳ברענט, ס׳טוט זיך אויף טישן און אויף בענק.

אין בית־מדרש, אין שטיבל ווייסט מען ווער און וואס: „הלנו או לצרינו"! „שלומי אמוני ישראל", „מזרחי". ס׳קומען רעדנער פון ווארשע, פון לאדזש, דייטשישע ראבינערס, מיט שווערדלעך ביי דער זייט, שטייען אויף די מעלעמערס און האלטן דרשות.

עדעלעס און גאלדשטיין! צוויי פעסטונגען — דאס בית־מדרש און די מחזיקי־הדת תלמוד־תורה. אויף שמואל גאלדשטיינס זייט זענען די אנפירנדיקע בחורים פון בית־מדרש, אויף עדעלעס זייט די טעג־עסערס פון דער ישיבה־קטנה. עס גייט א סדרה — מאכט־פאליטיק, יעדער ציט אויף זיין זייט...

אין איין אוונט נעמט מיך וועוטשע מיט אין גראסער־קלוב. צווישן צוויי

גרויס־געצייכנטע בילדער אויף דער וואנט — כ׳דערקען ס׳איז דוד ריכטערס קארל מארק און פרידריך ענגעלס. — שטייט א יונגערמאן אין א שווארצער רובאשקע און א קענזשער קאפ צעקלינגט ווי גלעקלעך: „איר ווייסט וואס מיר וועלן האבן פון פאלעסטינע — קדחת אין א קליין טעפעלע". דער זאאל קלינגט פון געלעכטער.

„מיר ווילן לעבן, נישט זיין א שפילעכל פון פאליטיק אין די לאפעס פון די לייבן! א שפילכל אין די הענט פון די וועלט־הערשער! מיר ווילן עסן ווי אלע הונגעריקע. מיר ווילן מ׳זאל אונז צולאזן אין די פאבריקן, אין דער „ווארטע", אין דער טשענסטאכאוויאנקע — מיר האבן הענט. אז מ׳וועט זיי נישט געבן קיין ארבעט, וועלן זיי זיך ביילן אין פויסטן". ס׳ווערט א געפאטשעריי, און דעם מוח הייבט זיך — עס מישן זיך מיר אין קאפ אלע „טעמעס" — א, ווען איך קאן מאכן אזא מין „פלפול" אלע קשיות מיט איין קלאפ צו פארענטפערן.

אויפן וועג אהיים איז וועוושע צעקאכט: „די דיקע בערטא וועט אלע אנידערלייגן — שוין דער נאמען איז מאסן־היפנאזע. מיט פאטאס וועסטו קיין „דיקע בערטא" נישט אנידערלייגן! פאעזיע איז אצינד פראלעטארישע פראפאגאנדע, נאטירלעך א גאנץ אנדערע ווי עדלשטאט און ראזענפעלד — די דיקע בערטא; פארשטייסט? . . . לייבהאפטיק, מיט דער פויסט אין די ציין אריין".

„לאז מיך שוין אפ מיט דיין „דודן", מיט דיין „כ׳האב אנגעשריבן" . . . ווייסט וואס עס טוט זיך איצט אין דער פוילישער דיכטונג? ס׳ברענט!" דוד ריכטער האט איצט נישט צו טון מיט פאעזיע — ער איז אן ארגאניזאטאר. ער איז א רואה־ואינו נראה. ער ארגאניזירט די טויזנטער פרויען, וואס דאס דייטשע מיליטער האט צורעכט געמאכט — זיי בלייבן קראנקע, סיפיליס־צעפרעסענע — אין די נעכט קאן מען אים אמאל זען אין א ראג ערגעץ . . . ער וואוינט מיט אזא איינער — אן ארגאניזאטארקע".

איך זע, אז ער ווייסט די אדרעס פון דודן, נאר ס׳איז קאנספיראציע. ער געטרויט מיר נישט. עס פארדריסט מיך נישט, נאר איך ווער טרויעריק. וועוושע הייבט אן אויף א נייער טעמע:

„האסט געמוזט הערן יענע וואך הערש דוד נאמבערגן, ער איז איצט א פאליטיקער. לכל זמן: דאס יידישע לעבן אצינד מוז גיין אויף זיין יידישלעכן דרך, פרצעס פאלקסטימלעכקייט מוז ווערן רעאל פאליטיק". ער רעדט נישט, ער שיט מיט פונקען. אפילו ציגארעטן־מונדשטיקלעך פליען אים פון מויל. די פליגלמאנס ווערן אצינד רעאל־פאליטיקער, פארשטייסט? עס איז אויס מיטן פארחלומטן העברעאישן לערער. מיר לעבן אין דער עפאכע פון דער דיקער בערטא. . ." וועוושע איז סוף כל סוף ענטשוויגן געווארן! איך האב נישט געפונען די ווערטער אנצוהייבן, האבן אונטערגעברומט נאמבערגס וויגליד „אין סיביר שטייט דיינטאטע".

די נאכט מיינע איז געווען פלאמען און פייער, רויך און שוועבל . . . דער הויף פון קרימעלעווער שטיבל איז פול מיט גאסן־פרויען, די רייען ציען זיך אן אומענדלעכקייט . . . אויבן אויפן גאנעק, א דייטשער ראבינער? אן



אפיציר? אין א שווערדל און פאכעט מיטן דערעלע . . . זי צעוואקסט זיך, זי צעוואקסט זיך די דיקע בערטא, ווי פון די אלע טויזנטער גאסן־פרויען וואלט געווארן איינע א געוואלטיקע און אומענדלעכע. איך ווער דערשטיקט פון איר צערוויבערטן אטעמען . . . איך וואך אויף פון די געשרייען: „וואו איז דער ארגאניזאטאר?"

עס איז געווען פארטאגס. כ׳בין שטיל ארויס פון בעט, מיך שנעל אנגעטון און געגאנגען נישט אין שטיבל אריין, נאר ארויס אויף די לאנקעס צום וואסער. אן אנגעצוואגענער, א געטובלטער, א דערפרישטער בין איך געבליבן ליגן אזוי אין טוי־פארנדיקן גראז. אינם פלאקערנדיקן זון־אויפגיי און פאר די אפענע אויגן האט זיך אלץ דער פארוויבערטער חלום אזוי קלאר און דייטלעך באוויזן. מיינע פינגער האבן זיך געקראמפט אין דעם פייכטן גראז: איך מוז אים טרעפן, דודן, ער איז א גראדער, א הייליקער — א דודל לעלעווער! ער טוט וואס ער האט צו טון . . . איך מוז אים טרעפן! ער וועט מיר אלץ קלאר מאכן. ער האט די ווערטער; א פשוט שטיקל גמרא — א לייענען! ס׳איז דעמלט מיט מיר געווען דאס פשטל און איצט די טעמע, די זעלבע פאפירענע שלאנג פון גלאנציקן פאפיר, וואס פליט אין הימל אריין — ס׳איז דער דראכן נאך מיט שראלעקן דעם שוחט׳ס אין טשעלאדזש צונויפגעקניפט פון שמות פון א צעריסענער גמרא און געלאזן אים פליען אין דער וועלט אריין.

ביים אנטון מיך דערטאפ איך אין קעשענע דאס שטיקעלע בלייפעדער — די בארירונג דערפון צעפלאקערט מיך ווי א ווילדע תאווה . . . כ׳האב געמוזט לאנג אזוי זיצן מיטן קאפ איבער די שטיקלעך פאפיר. ווען כ׳האב אים אויפגעהויבן איז די זון שוין געשטאנען הויך אין הימל. צו גיין אין שטיבל אריין איז שוין שפעט.

אהיימגעקומען, איז דער טאטע נאך נישט געווען אין דער היים. כ׳האב געלייגט די תפילין אין שייבנשענקל און מיך אנידערגעזעצט ביים „זיידנס טישל" איבערצושרייבן די שטיקלעך פאפיר אין קאיעט אריין — כ׳האב געהערט דאס אטעמען מיינס ביים שרייבן, די פינגער האבן געציטערט.

אויפשטעלנדיק מיך, אויסלענקענדיק מיך, האב איך געפילט ווי איך פאל, ווי איך זינק ווי א נעפל, ווי א רויך, ווי פייער־פלאמען גייען מיר אויף אין די אויגן — — —

ווען כ׳בין אויפגעקומען בין איך געלעגן אין בעט. קייגנאיבער מיר זיצט דער דאקטאר אויפן בענקל, מישנדיק דעם קאיעט . . . די מאמע ברעכט די הענט, קוקנדיק אויף מיר. איבערן קאפ פון דאקטאר שטייט דער טאטע א טרויעריקער, פארביסן די וואנסעס; זעענדיק אפנים, אז דער דאקטאר איז מער אינטערעסירט אין דעם העפט ווי אין דעם חולה, האט ער אויך געכאפט א בליק דערין איבערן קאפ פון דאקטאר.

„נו, זיך גוט אויסגעשלאפן, הערר פאעט?", האט דער דאקטאר גענומען מייך פולס אין דער האנט אריין, ריידנדיק צו מיר מיט א געלעכטערל. שפירנדיק ווי דער טאטע שטייט איבער אים, האט ער זיך אויסגעדרייט: „איר קאנט זיך פארלאזן ס׳איז גוט . . . כ׳מיין א לערקייט אביסל אין די געהירן, די

שלעכטע דערנערונג. ס'וועט אלץ זיין צום בעסטן". און צו מיר האט ווידער גערעדט דאס געלעכטערל: „דערווייל, בחורל, מוזטו דיך אויסרוען. די דיקע בערטא איז זיכער איבער דייַנע כוחות. דאס מוזטו שוין איבערלאזן פארן אמעריקאנער שטאב, פאר די אליאירטע כוחות . . . מיר אלע האבן געפרוווט אין אונזער יוגנט מיט פאעזיע, מיט פערזן שרייבן", האט ער ווידער גערעדט צום טאטן: „דאס דא שייַנט שוין מער . . ." ער האט זיך דערמאנט אין זייַנע פליכטן, אז ער איז א דאקטאר; אז דאס איז א באזוך ביי א קראנקן און זיך פלינק אויפגעשטעלט און אויסגעדרייט זיך צו דער מאמען: „איצט איז ער געזונט. . . מאדאם שטענצעל, זי קאנען זיכער זיין, דאס הערץ איז גוט; ס'איז אבצן קאראט האלטעק". ער האט עס דערגרייכט, דער דאקטאר, ס'האט אים א הנאה געטון. דער מאמעס פנים האט געלאכט צו אים מיט די טרערן אין די אויגן.

און די מאמע האט מיך גענומען אין די הענט אריין! און געזונט געמאכט האבן מיך אירע מערן-צימעסלעך: אייַנגעמאכטע ליפּעצלעך! דער טעם ליגט מיר נאך היינט אין מויל.

צווישן די קאיטן האט דער טאטע אויך געזעגן דעם איין-אקטער „דער גט". ער האט אים מיט זיך ארויסגענומען אין קוילן-סקלאד.

כ'בין לאנג נישט געלעגן אין בעט. מ'האט ארויסגעשטעלט א בענקל פאר דער שייבן-טיר אויפן הויף אין דער ווארשעווער גאס ארויס, ארויפגעלייגט א קישן דערויף און מיך אנידערגעזעצט הערויף. מ'האט מיך נישט געלאזט אסך אליין, אזוי האט מסתם דער דאקטאר אנגעזאגט. מ'האט מיך אויך נישט געלאזן אסך ריידן.

אז די מאמע איז געזעסן מיט מיר האט זי מיר דערציילט פון טשעלאדזש, פון האלטעקן, פון די פּאלוואַרקעס, פון די וואלבראמער פּעטערס — גאנצע פּעק מיט מעשיות.

דער טאטע פלעגט ריידן פון בענדינער זיידן, דעם בענדינער רב ר'בעריש הערציקער, פון זיין מאמעס אסתרל, פון זיין טאטן ר'שלמה דיין. דערציילט מעשיות פון „תפארת שלמה", נאכצוזאגן א ווארט פון „חסד-לאברהם".

איך בין געזעסן אויפן קישן און ס'האבן זיך געצויגן צוויי גרויסע חלומות. ס'האבן זיך געמישט צוויי גן-עדן טייכן, איינער אין אנדערן, ווי די גלעזער מילך מיט האניק, וואס די מאמע האט מיר ארויסגעברענגט: אט וויס-מילכדיק און אט בורשטינדיק-דורכזיכטיק. ס'האט געזשומט ווי בינען אויף דער לאנקע. און אז כ'האב אייַנגעדרימלט, האבן זיך ערשט אנגעהויבן די אמתע חלומות, די דיקע בערטא הייבט ארויס איר רויט-צעצוויקטן קאפּ הינטן פון דער פארפלייצנדיקער ווארטע. ווי א ווינטל וואלט מיר געצויגן אין רוקן, כאפּ איך מיך אויף אויפשוידערנדיק.

איינמאל עפענענדיק די אויגן, שטייט דער דאקטאר איבער מיר. זייַנע אויגן קוקן אויף מיר פריינטלעך, נישט מעשה דאקטאר; „שרעקט איך נישט, כ'בין נישט געקומען צו איך, מ'האט מיך נישט גערופן. ס'איז נישט קיין דאק-טאר-באזוך ס'איז א פּריוואט-באזוך. ס'איז אפילו נישט קיין ביקור-חולים,



ווייל ווי עס שייַנט זענט איר שוין פעליק געזונט". ער וויל מיך בארואיקן, ווייל ער זעט, אז איך האב מורא, אז ס'איז ווידער עפּעס געשעען מיט מיר: „איר וועט שוין באלד ווידער מעגן אנהויבן צו שרייבן", לאכט ער פריינטלעך, נישט מיט יענעם געלעכטערל ווען כ'האב אויפגעוואכט אין בעט! ווער איך גאנץ וואך: „פּאניע דאקטאר, כ'וועל ארויסנעמען א בענקל, וועט איר זיך זעצן, אויב ס'איז א פּריוואט-באזוך".

ער האלט מיך פעסט אויפן קישן: „כ'גיי אויף א קאמיטעט-זיצונג צו הארעוויצן". ער שמייכלט: „אייגנטלעך איז עס נישט קיין זיצונג, נאר א קאנסיליום: ישראליק איז קראנק, מ'מוז אים געזונט מאכן... ס'איז ווידער דא א שטיקל האפנונג, ס'האט זיך באוויזן א גרויסער פּראפעסאר, חיים וויצמאן הייסט ער; נאך א גרעסערער מומחה ווי דער דאקטאר הערצל — אז ער שטעלט א דיאגנאזע, קאן מען זיך אויף אים פארלאזן"; פריידט זיך אויף זיין געלונגענער פראזע.

„ווייסט איר", נעמט ער מיין פּולס אין דער האנט אריין, „איר וואלט זיך געמעגט אויך ארייַנווארפן אין דער ארבעט. אזעלכע יונגעלייט ווי איר ברויכן מיר טאקע. פּאטאס, פּאעזיע, התלהבות, ווי שטייט דארט אין שיר המעלות: היינו כחולמים. מ'מוז ארבעטן צווישן די בית-מדרש בחורים", איז ער אליין אריין אין התלהבות: „דאס איז דער בעסטער מאטעריאל, ער איז פיזיש נישט פארדארבן".

ער איז געווארן אויס דאקטאר, אן אייגענער, א בית-מדרש בחור, אן פּאות, א ווארעמער ייד אן א סימן בארד. יידישע צרות האבן פון אים ארויס-געוויינט: פּאגראמען אין יידישע שטעטלעך אין אוקראינע . . . יידישע גבורים אין פאלעסטינע אויף די בערג פון יהודה . . . ער רעדט עפּעס, א חלום רעדט פון אים ארויס, און פאר מייַנע אויגן שטייען אויף פסוקים פון חומש, מעשיות פון דער גמרא . . . און זע, אויף יענער זייט צוים, ווי אין חלום, האמפּערנדיק צווישן זיך, גייט לאזער פלאצקער, דעם מגידס זון. זיי דרייען זיך אריין אין אונזער הויף, גייען ארויף אויף די שטיגלעך, ארויף העכער, העכער אויף די הרי-יהודה . . . שוין, זיי דרייען זיך אריין צו די הארעוויצעס, דערזעען זיי דעם דאקטאר, מיך.

לאזער פריידט זיך מיט מיר: „כ'האב עפּעס געהערט, וויעוויארקע האט מיר געזאגט. מ'האט אים אבער נישט צוגעלאזט צו דיר. האב איך שוין מורא געהאט . . . אבער ווי איך זע איז אלץ שוין אין ארדענונג . . .

דער דאקטאר, דערהערנדיק דעם נאמען וויעוויארקע, קוקט ער אויף מיר, ווי מיט א וואונק, ווי אים וואלט עפּעס קלארער געווארן: אזוי, אזוי . . .

„און דודן זעסטו, דוד ריכטער?" כ'רעד לעבעדיק, געזונט און פריש, ווי כ'וואלט קיינמאל נישט קראנק געווען.

„דערמאן נישט דעם נאמען, ס'איז טריפה און ער אליין איז אויך טריפה. ער האט געמאכט א שחיטה אין פאריין, ער שלעפּט ארויס ווען נאר ער קען . . . אלע מיטלען זענען כשר פאר אים . . . א פּראוואקאג, א דעמאגאג".

„יא, ער איז א היילקער, דודל, ר'דודל לעלעווער". איך ברום עס מער צו

מיר ווי כ׳רעד עס צו לאזערן.

„יעצט הער איך אויף מיטן שרייבן מיינע רעצעפטן פאר אייך, יעצט וועט איר שרייבן לידער אבער נישט פון עפעס א „דיקע בערטא״ נאר פון די איידעלע בנות ירושלים״. נישט קאליע צו מאכן דאס געלונגענע ווערטל איז ער שנעל ארויף אויף די שטיגעלעך און די צוויי זענען אים נאך. דער טאטע, ארויס־קומענדיק פון שטוב, מיר נישט קאליע צו מאכן מיין שטימונג, זעענדיק, אז איך פיל מיך אין א געהויבענעם מוט, האט הלצהדיק אנגעהויבן אויפן דאק־טארס חשבון: „איצט זעסטו ווי גערעכט אונזערע חז״ל זענען: טוב שברופ־אים״ . . . ענדיקן דעם מאמר האט ער דאך, אפנים, נישט געקענט.

* * *

נאך אין דעם זעלבן פארנאכט האט עס אנגעקלאפט אין דער שייבן־טיר און שאשע האט ארייגעשטעקט איר קאפ. די בלויע אויגן האבן געלויכטן אין דער טונקעלניש: „וואס מאכט איר? דער דאקטאר זאגט, אז איר זענט שוין געזונט . . . שאול שיקט אייך דאס ביכל . . . כ׳האב די גאנצע צייט נישט „געאיבט״. כ׳וועל ווידער אנהייבן מיט שאפענס אקארדן״, האט זי מיך אנגע־קוקט און די אויגן האבן נאך גלאנציקער געבליט.

זי איז ארויס, איז געבליבן) הענגען ווי עפעס א שמעקנדיקער גן־עדן ריח — אריגת הבושם! — איבער דער שטוב. ווען דער טאטע איז אריינ־געקומען האט ער נאך געמוזט שפירן דעם שמעקעדיקן ריח, ווארים כ׳האב געהערט זיין טיף איינאטעמען. פון געוואוינהייט האט ער געקוקט צום בעט, אבער איך בין שוין געזעסן ביים זיידנס מאהאגענעם טישל צווישן דער שוואר־צער ספרים־שאנק און דעם ווייסן קאכל־אויוון. ער האט מיך געוואלט שוין מיטנעמען אין שטיבל אריין צו מנחה, אבער דערזעענדיק מיך אזוי פארטיפט אין מישן דאס ביכל, איז ער שטיל ארויסגעגאנגען, נאך א מאל טיף איינאטע־מענדיק דעם שמעקעדיקן ריח. משמעות ער האט אויך דערשפירט דעם אריגת הבושם־דופט, וואס האט געשוועבט איבער דער שטוב און געוויזט פון די מישנדיקע בלעטלעך — עס איז געווען דאס ביכל ציון־לידער פון ש. פרוג.

(שלוס פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער)

## אקטאבער ווארי‏אציעס

1

וועל איך קאנען גיין איצט, מיינע לעצטע טעג,
אזוי ווי כ׳בין מיין גאנץ לעבן געגאנגען —
אונטער שאטן פון א צעבליטן בוים,
באהאנגען מיט שוועבנדיקע גוזאנגען?

א צייטיקער, געבויגן שוין און געבוקט,
זיינע פירות קינדער־הענטלעך דערלאנגען,
און ברעכנדיק, אין דרייען זיך קורטשענדיק,
אונטערגעשטעלט שוין דרענגלעך און שטאנגען —



זיין שטאם שטייט שלאנק א צעשיינטער אין דער זון,
מיט גלעקלעך גאלד פון וועלק־בלעטער באהאנגען.
וועל איך נאך קאנען גיין מיינע לעצטע טעג
אזוי ווי כ׳בין מיין גאנץ לעבן געגאנגען?

2

כ׳בין קיינמאל אויף בלומען נישט געטרעטן,
ס׳האט קיינער זיי געשפרייט פאר מיינע טריט;
מיט פולע הויפנס פון אלע זייטן,
וועלק־בלעטער איצט פאר מיינע פיס ווער שיט.

פון אלעביימער, פון מינדסטן קושאקל,
עס פאלט מיט אזא העזהדיק געשארך;
יעדעס פארוועלקט גרעזל אונטער מיין טראט,
טרייסט עס מיך, צי רייצט עס זיך מיט מיר? הארך:

אויף שפיץ זשיוויעצע־בוים געגלאנצט, געטאנצט,
צווייגן פלייטן מיט פארבן־שפיל פון צוויט,
געוואקסן רק צווישן שוואלבן געטשוויטש,
און וואס אונזער סוף איצט — אין שטויב צעשיט.

3

נישט נאר פאלן אין אסיען די בלעטער,
עס פאלן אויך די זוימען צו דער ערד;
אראפגעפאלן, אבער ווי שטיל זיי ליגן,
אין זיך פארגראבן, קיין שארך מען הערט.

אין די מיליאנען אראפ זיי פאלן,
און אנגענומען — איינס, אפשר, קוים!
און ווי פיל ווינטערס וויפיל זאווערוכעס,
ביז פארווארצלט — צעצווייגט ס׳ווערט א בוים.

ווײנען וויאנענדיק נאך העכער די בלעטער,
ס׳געיאמער א רגע נישט אויפהערט:
מיר אין די מיליארדן מיר פאלן, אבער
קיין איינס פון אונז נישט אנגענומען ווערט.

4

נישט אין טוי — פערל־שנורן באהאנגען
נישט אין גרינס — צעגלאנצט אלטעס און זיידן,
א בת־יחידה, א יפת־תואר
די שענסטע שידוכים איר צו ריידן.

נאקעט און בלויז שטייט דאס בעריאזקעלע,
קאפל־א זייט — סמוטנע איינגעבויגן!

גרויסע ראָסע טראָפּן קאַפּען: קאַפּ, קאַפּ —
אַ יתומה מיט פאַרוויינטע אויגן.

אַ קייגנאיבער איר דער זיידע העמב,
קוקט ווי דורך שפּאַקולן — דורך צוויי בלעטער:
קינד מיינס פלאַטער נישט, אַז היינט שוין אַזוי,
וואָס וועט ערשט זיין אין אַ שטורעם־ווערטער?

5

שטייט האַלב נאַקעט שוין דער בוקאַווער בוים,
געמוסקלט, אַקסלדיק צעשטרעקט די צווייגן;
טונקלע סענקעס קוקן קרום־קאָסאָקאַ,
פליכיק שאָקלט קאָפּ מרוקעוואַטע שווייגן:

נישט איין יאָר, נישט צען יאָר — הונדערט יאָר שוין,
שטיי איך שוין אַזוי אין זון און אין רעגן;
פון לינקס און פון רעכטס יאָגן די בליצן!
ס'העלפט דעמלט קיין שרייען, קיין אויפרעגן.

שרצים־ראָצן צעגריזשען די וואָרצלען,
אַ מויז פאַרמעסט זיך דיך אַנידערצולייגן!
מען מוז נאָר שטיין פעסט אין זיך! ס'העלפט נישט,
צי מען בויגט זיך, צי מען שטעלט זיך אַקעגן.

6

זיך געזאַמלט די פייגל און אַפּגעפלויגן,
בלויז איינעם אַן אַלטן געלאָזן צוריק;
אויף שפּיץ־בוים געבליבן ר'איז שטיין,
נאָכקוקנדיק מיט גרוי־פאַרכמורעטן בליק:

אַהין דאָרטן ווו בחברותא זיי פליען,
די פרייליכקייט, דער פונקלדיקער זון־שיין;
ער דאָ אין געוויקל פון וואָלקן און נעפּל,
פאַרלאָזן געבליבן איינער און אַליין.

ווי עס רייסט זיך פון אים איינגעהאַלטן געוויין,
עס שנירלט זיין קעל צו ווערן דערשטיקט.
און זיין האַרץ צעפּיפּסט עפּעס, ווי אַן עופעלע,
ווען אַקאַרשט פון געפּלאַצטן שאָל אויסגעפּיקט.

7

## למנצח על אילת השחר

תהילים כב. א.

אויף שטאָקיקן הויז, וואָס פאַרשאָטנט מיין פענסטער,
געשטאַנען אַ טויב זון־אויפגאַנג באַגעגענען;



מיין בליק געטאַפּט זיך בלינד, וווּנדיק ווו געקלעטערט:
און ערשט אין די נעפּל־טעג, ווען ס'וועט רעגענען.

אַ גאַנצע נאַכט זיס־געוואָרקעט אונטערן דאַך,
דער חשוון־ווינט אויף אים — אַ האַרף זיך זאָל האַרפּן!
אויף מיין געלעגער אַ גוסס כ'בין געלעגן:
ווי וועל איך מיך ערשט אין די ווינטער־נעכט וואַרפן.

אויפגעוואַכטער מאָרגנשטערן אין פענסטער היינט,
געטאַפּט זיך שטיל־ציטערדיק מיט שטראַלן־פינגער,
און מיין האַרץ געסטראַיעט די שפּילנדיקע האַרף,
פון אַ שטאָק־בלינדן „עלי־עלי" הויף־זינגער.

8

פאַרשעם מיך נישט גאָט אין מיינע לעצטע טעג,
כ'האָב געגראָבן אין מיר אין ליימיקער ערד;
לאָז מיך ווייטער אַזוי אַלץ טיפער פאַרטיפער,
ביז מיין קבר אַזוי אויסגעגראָבן ווערט.

ווען דו רעדסט אין מיר ווי מטושטש צעמישט,
שפּיר איך בעשיינפערלעך אַז דו ביזט פאַראַן;
אָבער אַז כ'בלייב שטיין אַזוי אין מיטן געדאַנק,
מיט אַ פענע אויגן, אַ ברמנן —

איבער מיין קאָפּ אַ ליימיקער טאָפּ די זון
אין אויגן־שערבעלעך צעפּלאַצט זי ווערט — —
פאַרשעם מיך נישט גאָט אין מיינע לעצטע טעג,
אויב אַ ביסל לעבן נאָך ס'איז מיר באַשערט.

9

כ'האָב דיך נישט אויסגעקלעבט פון ליים,
נישט פון האָלץ כ'האָב דיך געשניצט,
נישט געגאָסן דיך בראָנזנדיק,
צי גאָר אויף שטיין דלאָט געשפּיצט.

געבויערט, געעגבערט אין מיר
און אַ קוואַל האָסט אויפגעשפּריצט!
מיט געבוירן וואָרט געצווילינגט,
טיף אין מיין האַרץ אויפגעבליצט.

זע, אויפן כסא־הכבוד,
דער דערבאַרעמדיקער זיצט — —
ווי משושטש און ווי צעמישט
דיין וואָרט כ'הער נאָך אין מיר איצט.

10

...עס וועט דער טיגער איינשלינגען די שלאנג
און זיך פארגיפטן מיט איר סם;
לייב דערשטיקן פרעסנדיק דעם וואלף,
אבער לעבעדיק בלייבט דאס לאם.

פון רויבפויגלס האלדז נאך ארויס,
געראטעוועט ווי פון א פלאם!
אויב א גאט באמת פאראנען,
איז דאס לעבן נישט אזוי סתם — — —

„אויב נישט גאנץ מקוים די נבואה
און בשלום אלע צוזאם,
איז וואס טויג שוין מיר אזא לעבן?"
הער איך שעפטשענדיק דאס לאם.

11

ס'וויינען בלעטער פאר מיין טראט
זייער וויינען ווי כ'וואלט פארשטאנען:
זעסט, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט,
א גאט אויף דער וועלט איז דאך פאראנען;

מיר האבן אויך געגלייבט די זון איז עס,
ווען געבליט אין אונזערע פארבן!
אבער אצינד אין ווינט און אין רעגן,
ווען מיר ליגן שוין האלב אין שטארבן — — —

א געל־פארשרומפלטע, א פארוועלקטע,
א פערוואלגערטע רויז אין וויאנען,
פון שטענגל אין מוטנע פלעטש געפאלן,
איז די זון סמוטנע אונטערגעגאנגען.

12

אויף אן אויסגעלייטערטן אקטאבער טאג,
קלעטערט ס'טרויריקסטע הארץ נאך צום הימל;
און אויף א וואלקן אויפגעלויכטן אין זון,
געריטן אויף א ווייס־גרויען שימל.

ס'קאן אן אקטאבער בין השמשות אמאל,
שענער זיין ווי א פרילינג־שאריען;
א צעהירזשעטע פרייד רייט ברייט דורך מיין הארץ —
פונק־געשפריץ — מיינע אויגן אויפגליען:

אז כ'האב דערשלעפט ביז אין מיינע גרויע טעג,
פארוואס נישט קענען ווייטער נאך שלעפן?



איז נישט אזא אקטאבער־טאג, א געשענקטער פון גאט,
צום הימל ארויף גין־גאלדנע טרעפן?

13

אין דער בין־השמשות שעה,
א פארוואונדערטער כ'בלייב שטיין:
זע, אן אונטערגאנג, א שקיעה,
און ווי וואונדערלעך ס'קאן זיין —

הויך אין די הימלען, אז מ'שוועבט,
לאזט מען זיך אראפ אויך גרויס!
צו מיר אליין שוין כ'שעפטשע
און ווי סמוטנע ס'קומט ארויס:

„יא, אינם אונטערגאנג באך,
די זון קאן זיין אזוי שיין,
ווייל זי ווייסט וויל: וואונדערלעך
ז'וועט ווידער מארגן אויפגיין."

14

קוקט לבנה טריב אין מיין פענסטער,
מיט אויסגעוויינטע אומעטיקע אויגן;
איבער איר צעקנייטשט־פארוועלקטן שטערן,
וואלקנדל שלייער אריבערגעצויגן.

ניין, זי רעדט נישט, זי שעפטשעט נישט, קיין פיפס,
גורלדיק צעשריגן איר גרויליק בליקן:
נישט מער, פארבענקטע קאסמישע לידער
קאסמאנאוטן מ'וועט צו מיר אראפשיקן.

נישט מער פארחלומט, נישט מער לבנהניש —
זיכער ווי דער טויט וועט דאס לעבן ווערן!
א שטויבל־זאמד דער בחיר יצירה מענטש,
נישט מער שיינען ווי א הימלישער שטערן.

15

האט גאט דעם מענטש, גאט — דער מענטש באשאפן,
איז דאס איי געווען פריער — אדער פארקערט?
ווי גרויס וואלט שוין געווען אזא גאט?
און ס'לעבן אן אויסגעבלאזן איי די ווערט.

ווי קונציקע שפין־נעץ אויסצוועבן,
צוכאפן דערין א פארמענצעטע פליג,
ס'וואלט מענטש גרעסט דערגרייכן טאקע געווען,
די אטאם באמבע — תוהו ובהו־זיג.

יאַ, מ׳איז דער חלום וואָס טראָגט אויס די וואָר,
ווי בליט און בלאַט טראָגט אויס זוימענדל און בוים,
און דאָס וואָרט גאָט — „באחרית הימים“,
טרוים דערפון מענטשלעך משיג צו זײַן, קוים קוים.

16

ווי וווּנדערלעך א וואָרט אַזאַ צו באַשאַפן,
אַז אַלצדינג שוין דערמיט משיג זײַן צו קענען;
ס׳רעדט צו מיר לעצטע פאַרלאָשענע דאַליע איצט,
ווי ערשטער דאָרן־צווײַט מיט פלאַמיק אויפברענען.

העמלט אויפגעפלאַטערט מיט זומער־פייגעלע,
יעדער טוי־טראָפּ געפונקלט מיט טויזנט פאַרבן,
אַזוי צאַפּלט מײַן האַרץ איצט א צעציטערט בלאַט,
מיט לעצט זשוקל איצט, וואָס פאַרקריכט ווו צו שטאַרבן.

זע, זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אירן, די דאַליע.
א מאַמע א שטאַרבנדיק קינד צו באַווייבען — —
ווי ער פאַרשלייערט זיך אין שוואַרצן, דער הימל,
אין איר אבלות־טרויער זיך מיט צו פאַראייבען.

17

. . .ווי געדיכט די נעפּלען זיך נישט וועבן,
ווי געדיכט די כמאַרעס זיך נישט פעלצן,
זיי וועלן צערינען אין די רעגנס,
און די שנייען סוף כל סוף צעשמעלצן.

און אויפגיין זי וועט אויף גרינע לאָנקעס,
גאָלדן זיך וויגן אויף גאָלד פון זאַנגען!
יעדן אויפגאַנג בענקנדיק דערוואַרטן,
פייגל מיט פלאַטערדיקע געזאַנגען.

וועל איך נאָך זינגען א ליד צו דער זון?
און וועט זײַן נאָך ווער וואָס זאָל עס לייענען?
אויף א בערגל שפּראָצן א פּאָר גרעזעלעך.
ווי וווּנדערלעך זון־פאַרגיי זיי באַשײַנען.

18

וואָס אַזוי דאָס וויאַנענדיקע געוואָקלט,
די שרעק אין גאַטס האָנט ווידערצוקערן?
וואַרצלדיק און וויאַנענדיק און ווידמענדיק,
הייפעלע ערד ווידער צו ווערן.

לעצטע טריט ציטערדיק צײַלנדיק אַזוי — —
וואָס שוין וועלן, ווילן און באַגערן?



שטויבעלע ליים זאָל קבענען זיך און פאַרמען,
אין די אויגן די בלישטענדיקע טרערן.

וואָס אַזוי דאָס וויאַנענדיקע געשאַרך,
ווען גאָטס טראָט איבער אונזערע קעפּ מיר הערן?
שטיל־תפילהדיק־געוויין, ווידוידיק־געזאַנג,
געאייביקט ווילדער גאַנג פון ווידער־קערן.

## יחזקאל בראָנשטיין

## מלך ראַוויטש

(צו זײַן ווערן א בן שבעים)

ביים אָפּשאַצן די ליטעראַרישע ווערטן פון א שריפטשטעלער איז וויכטיק אויסצוטיילן און באַלײַכטן די דיכטערישע פּערזענלעכקייט וואָס שטייט הינטער זיי, כדי צו וויסן און באַשטעטיקן, צי ער גופא איז בלויז א נאה דורש ואין נאה מקיים, אָדער — טאַקע א נאה דורש ונאה מקיים.

מיר ווייסן למשל, פון א פאַל ביי די אומות העולם, ווען ביי דעם טראַגישן צוזאַמענבראָך פון אונדזער ציוויליזאַציע אין די באַציאונגען צווישן פעלקער, האָט א קנוט האַמסון זיך באַוויזן אין א פאַרקערטן געשטאַלט ווי מיר האָבן אים געקענט, לויט זײַנע ביז דאַן קינסטלערישע דערגרייכונגען.

מיר געדענקען עס לגנאי, און מיר וועלן קיינמאָל פון אים ניט אַרונטערנעמען דעם פלעק פון זײַן געפאַלנקייט.

אין אונדזער ליטעראַטור, עס זאָל אונדז צו קיין גנאי ניט זײַן — זײַנען לײַדער אויך דאָ פאַלן, ווען שריפטשטעלער אין לעבן זײַנען אין זייערע האַנדלונגען בין אדם לחברו, עקסטרעם אַנדערש ווי אין זייערע ליטעראַטור־אַרבעטן, וואָס זיי פאַרשעמען ניט זעלטן.

אין דעם פאַל פון אונדזער יובילאַר — דעם קאַלירפולן שריפטשטעלער מלך ראַוויטש, מוזן מיר מיט פרייד באַטאָנען זײַן אויסגעהאַלטנקייט, אפילו תמימות — אין זין פון לעבן־און־האַנדלען — ווי א ליכטיק־עטישע פּערזענלעכקייט, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט זײַנע שאַפונגען, וואָס זײַנען א כבוד פאַר אונדזער ליטעראַטור און אויך א כבוד פאַר אים גופא, וואָס טיילט אים אויס ווי א דיכטערישע פּערזענלעכקייט מיט דער פולסטער אחריות און געוויסנהאַפטן אײַנשטעל פאַר זײַן וואָרט, וואָס ער באַמיט זיך ביז איצט און אונטער אַלע אומשטענדן, צו דערפירן צו שלימות און א דאַמענירנדיקן כח אין אונדזער ליטעראַטור, אין די אַלע פאָרמען פון שרײַבן מיט וועלכע ער אָפּערירט.

און באַניצן באַניצט זיך מלך ראַוויטש מיט גאָר א סך ליטעראַטור־פאָרמען, אין וועלכע ער איז מער ווי היימיש, אויף דער פאָן פון א עטישפילאָסאָפישער וועלט־אַנשויאונג, וואָס פאַרכאַפּט אַלעמאָל מיט דעם עטישן אײַנשטעל און ערלעכער באַציאונג זײַנער צו מענטשן און געשעענישן.

פון וועלכן קוק־ווינקל מיר טרעטן ניט צו צו זײַן קאַלירפולער, שעפע־

רישער עבודה, מוזן מיר באוואונדערן די חשיבות פון זיין פערזענלעכקייט וואס זוניקט פון איר ארויס, און רופט צו זיך ארויס גרויס דרך ארץ אין לויבן.

צי מ'איז יא מיט אים מסכים צי ניט, איז ער אין אונדז אלצאיינס גורם א געפיל פון דערהויבונג און פארערונג, פאר זיין אויסגעהאַלטענער עטישקייט און באַנאַבטקייט, צו קענען זיך מאַכן קלאָר אין אלע ליטעראטור־פאַרמען מיט וועלכע ער באניצט זיך.

זיין ליד און זיין עסיי, זיינע צימצומדיקע פען־פּראָפילן, זיין פילאָזאָפירנדיקע פובליציסטיק, פעליעטאָן און רעצענזיע, קומען זיך ערגעץ וואו צענויף און באשיינען אים מיט דעם ערנסט, עכטקייט און גארער ערלעכקייט פון אן אינטערעסאנטן און קאמפליצירטן שריפטשטעלער, וואס ווייסט וואס ער וויל און קומט אלעמאל אן, דארט וואו ער וויל און באדארף אנקומען, צו דער פרייד און דער באגייסטערונג פון זיינע לייענער און פאַרערער, פון וועלכע איך בין שטאָלץ צו זיין איינער פון זיי.

ל. פוקס

## אינעם כישוף - קרייז פון מזל בתולה

(איבערגעשריבן מלה במלה און אות באות פון מדרש איציק אויף פרשת ויתן לך)

געווען איז דאס שוין נאך דעם ווי גאט ב״ה האט געהאט פארטריבן אדמען מיט זיין ווייב חוה פון גן־עדן. צוליב וואס זיי זיינען פארטריבן געווארן, ווייסן היינט קינדער אין די וויגן און איבערחזרן די מעשה האט באמת נישט קיין זינען. טרעפט זיך, אז חוה גייט אין א הייסן, זומערדיקן נאכמיטאג שפאנצירן ביים ברעג פון טייך פישון. נאך בעת איר זיין אין גן־עדן האט זי שוין ליב געהאט אזוי צו טון, וויל אין די וואסערן פון טייך פישון האט זי זיך געקענט שפיגלען וויפיל איר הארץ האט נאר געגלוסט. אדמען פלעגט זי אבער זאגן, אז זי טוט דאס צוליבן פרישן ווינטל, וואס ווייעט אזוי מחיהדיק פונעם טייך.

ויהי היום און אונדזער טייך קריכט ארויס פון די האלאבליעס און פארפּלייצט דאס שטעגל אויף וועלכן חוה האט שפאנצירט. פארשארצן דאס קליידל און אדורכשניידן דאס וואסער האט זי בשום אופן נישט געוואלט. אויפן אנדערן ברעג ליגט פארטייעט דער נחש הקדמוני און שלינגט יעדן ריר אירן. שוין גענוג צרות געהאט פון דעם אויסוורף. נייע האבן זיך איר נישט פארוואלט.

פארנעמט זי זיך רעכטס אויף א זייטיקן וועג, וואס פירט צווישן זאמדיקע בערגלעך באוואקסן מיט מאך און שטעכיקע קוסטעס. דא האט זי צעשראקן א פעלדמויז דארט א האז, דא צעפלאשעט א פויגל דארט צעטרעטן א מוראשניק. אלץ האט ביי איר אנקומען געמאכט א ויברה ווי דער פעפער וואקסט. אזעלכע נארישע חיות האט זי, חוה, אין איר לעבן נישט געזען. אין גן־עדן ווייסט מע נישט פון קיין פחד און וואס אזוינס איז מורא. פארקערט. דארט האבן די סאמע ווילדסטע חיות זיך געלייגט צו אירע פיס ווי לעמעלעך און געבעטלט ביי איר א בליק, א גלעט. וואס אן אמת איז זי נישט קארג געווען און זיי אויסגעטיילט לינקס און רעכטס. ערשט נאך דער מעשה מיט דעם



פאסקודניאק דעם נחש, איז זי געווארן פארזיכטיקער. אין אדמען האט זיך צעברענט די אייפערזוכט ווי א העליש פייער און ער האט איר נישט מער פארטרויט אויף א האר.

און צוריקגעשמועסט איז ער, אדם, אפשר נישט אין גאנצן געווען אומגערעכט. אבער ווער איז אין דעם עלעמען שולדיק אויב נישט דער מגוולדיקער שלאנג? האט ער טאקע באדארפט ארומגיין איבערן גן־עדן און אויסצישן זייער סוד מיטן צעשפאלטענעם צונגל? א שיינע ריינע כפרה אויף אים וואס ער קריכט איצט ארום אויפן בויך און קייט די ערד. ער האט די שטראף פון זיין ליבן נאמען כשר פארדינט!

איי! — שרייט זי פלוצים פון א שטעכיקן ווייטיק אין רעכט פוס. זי זעצט זיך אויפן מאך, פארקרייצט הויך דעם רעכטן פוס איבערן לינקען און פראבירט מיט די נעגל ארויסציען א דארן אויף וועלכן זי איז ארויסגעטרעטן און בשעת מעשה געטראכט: טאקע פון אזא דארן האט זיך אנגעהויבן איר פריינדשאפט מיטן נחש. אויך דעמאלט איז עס געווען ארום מיטאג־צייט. האט זי אפשר באדארפט בלייבן זיצן אין שטוב און ווארטן ביז אדם לעפעש וועט צוריקקומען פון בית־המדרש פון שם־ועבר ווו ער זיצט צו קנעלן איבער די שבע מצוות, וואס דארפן אמאל געגעבן ווערן די בני נח?! גאנצע טעג לאזט ער זי אליין. וואלט ער זיך ליבערשט מער אויף איר ארומגעקוקט און זיך פארשפארט צרות. איר שולד איז דאס זיכער נישט!

ענדלעך איז איר געלונגען דעם דארן ארויסצוציען. פאמעלעך האט זי אראפגעלאזט דעם פוס אויף דער מאכיקער ערד און געקוקט פאר זיך. דא באגעגנט איר בליק צוויי גליאיקע פונקען. דערשראקן האט זי א ווילע אהין געשטארט. די פונקען זיינען אבער אויסגעגאנגען, אויפסניי זיך אנגעצונדן און ווידער אויסגעגאנגען. איצט האט זי שוין דייטלעך געזען אין א נארע, וואס איז געלעגן אקעגן איר אינעם האלב־טונקל, א שמאל, שפיציק באבערדלט פיסקל. דאס פיסקל האט זיך ווי א גיסערל געצויגן פונעם רויט־באהארטן קעפל, וואס איז שיף געווען פארלייגט אויף א זייט.

חוהן איז מיט א מאל דאס קעפל שטארק געפעלן געווארן. אויף איר פנים האט זיך צעלייגט א צופרידן שמייכעלע.

א קלוגינקער אזא, האט זי מיט הנאה געטראכט. נישט ארויסגעלאזט אפילו די פארע פון מויל זינט זי האט זיך מסתמא אויף דעם ארט אוועקגעזעצט. זארגעוודיק האט זי גענומען פארריכטן די פייגנבלעטלעך ארום די לענדן און גאר גוטמוטיק געפרעגט:

„ווער ביסטו דאס דארט אזוינער?“

דאס פארוואַרפענע קעפל אויף א זייט האט מיט פארמרוזשעטע אייגעלעך געענטפערט: „מע רופט מיך...“

(דא אויף דעם ארט איז אינעם כתב־יד ארויסגעריסן א גאנץ שיק. ווייטער לייענט זיך אזוי.)

ווי א פייערקנויל האט זיך די זון געקייקלט איבער דעם שפיגלפלאך פון טייך פישון און אנגעקלאפט אין די טויערן פון גן־עדן, אויסרופנדיק דריי מאל

איר: „פארענדיקט איז מיין נסיעה ארום דער זינדיקער ערד". און אז די טרויבן וואס אקעגן האבן זיך שוין געהאט באדעקט מיט א קילבלעך־זילבערנעם טוי, האט זיך חוה געכאפט אז עס מוז שוין זיין שפעט. זי האט פון זיך דערוויטערט אלע סימנים פון פארטרוקנטע גרעזעלעך צי בלעטלעך, פארקעמט איייליק די האר און האסטיק זיך געקליבן א היים. אדם איז מסתמא שוין צוריק פון בית־המדרש און איז זיכער אויף איר אין כעס. ער זוכט אן ספק אין קעלער דאס טעפל זויערמילך און די יונגע ציבעלקעס, וואס זי באהאלט דארט אין א בערגל ווייסן זאמד און ער קען זיי נישט געפינען.

(באמת א גרויסער שאד, וואס דער אייל אין קאניצל לאזט זיך אויס און מיין פריינלעכער, פליענדיקער האלעטנדער איילט זיך אין וועג אריין צו אייך קיין ניו־יארק. זייט מוחל, איך בעט אייך, באלפי מחילות. דעם סוף מעשה האף איך מעטשעשעם פאר אייך איבערצושרייבן, אז מירן זיך צוזאמען משמח זיין צו אייער ווערן א בן שבעים. כן יהי רצון, א מ ן ! ! !)

## אייזיק גאלדבערג

### לייזער אלמאן, ע"ה

איך ווייס נישט אויב עס איז נאך ביי וועמען אזוי אנגעבראכט דער אויסדרוק „א יידיש הארץ" ווי ביי דעם ערשט וואס פארשטארבענעם פריינט און חבר, ל. אלמאן, פון מאנטשעסטער.

זיין וועלט, קאן מען באמת זאגן, איז געווען א יידיש־פאלקסטימלעכע. ער האט זיין גאנץ לעבן זיך געווידמעט דער יידישער ליטעראטור און יידיש־לשון. ער האט דערמיט געאטעמט, געפילט און זיך ארומגעטראגן מיט אויפלעבונגס־חלומות פאר דער זאך...

ער האט זיך אויך אלעמאל ברייטוויליק אפגערופן אויף דעם געביט. ביי יעדער געלעגנהייט האט ער מיט פארגעניגן אויפגענומען יידישע שרייבער, קולטור־טוער, קעמפער פאר יידיש, אן אונטערשיד פון וועלכער ריכטונג זיי זענען געווען. צו די אלע האט ער זיך באצויגן מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ. פשוט געזאגט ווי א פרומער חסיד מיט דער גרעסטער התלהבות...

עס פילט זיך א נויטווענדיקייט צו דערמאנען פון די לעצטע מלחמה־יארן 1944־45, ווי עס האבן זיך צוזאמענגענומען א גרופע קעמפער פאר יידיש ווי די פריינט פארקער, וואקסמאן, און אנדערע (מאנטשעסטער) און מ. ניסענבוים, נחמיה, בוימערדער, ע"ה, פון לאנדאן. אויך מיין ווייניקייט האבן אין מאנטשעסטער דאמאלס אנגעפירט א ברייטע טעטיקייט פאר יידיש־לשון און יידישער קולטור; ווי מען האט אנגעפירט מיט ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. מען האט אויך פון לאנדאן געברענגט א גאנצע רייע רעפערענטן, ווי דעם דיכטער א. נ. שטענצל, קולטור־טוער עלעק וואטערמאן, נעט רובין און די שרייבער משה עובד, י. ה. לעווי, שלמה אויערבאך, אסתר קרייטמאן, א. פאלושאק, ע"ה, און אנדערע.

די גאנצע טעטיקייט, זיצונגען און אזוי ווייטער, אלץ האט זיך אפגעשפילט



ביי אלמאן אין הויז. טראץ דעם וואס פילע מאנטשעסטער פריינט האבן מיטגעהאלפן, מוז דא צו זיין שבח דערמאנט ווערן, אז אן דער פינאנציעלער און אקטיווער מיטהילף פון ל. אלמאן וואלט גארנישט צושטאנד געקומען. מען האט זיך אויך באנוצט דערצו מיט זיין רייכהאלטיקער ביבליאטעק.

טראץ דעם וואס ער איז געווען א זער באשעפטיקטער מענטש אין פריוואטן לעבן, האט ער זיך אלעמאל צייט גענומען מיטצוארבעטן פאר יידיש. ער איז אויך געווען דער פארזיצער פון דעם פאריין „פריינט פון יידיש־לשון".

ווער עס איז מיט אים געקומען אין קאנטאקט וועט אים קיינמאל נישט פארגעסן, ווייל ער האט דאס אלץ געטון ווי מען זאגט לשמה אן שום אייגן נוץ.

עס איז אויך ווערט צו דערמאנען ווי מיט אן ערך דריי יאר צוריק, ווען ל. אלמאן האט ביי זיין נסיעה נאך ישראל זיך אפגעשטעלט אין לאנדאן, זענען אין מיין וואוינונג צוזאמענגעקומען פריינט און חברים אים מקבל־פנים צו זיין. עס איז געווען א מין יידיש־פאלקסטימלעכע, ווארעמע אטמאספערע ביי די באגריסונגען און פארברענגענדיק מיט אים צוזאמען.

אויף לייזער אלמאן קאן מען מיט רעכט זאגן, אז עס האט אויפגעהערט צו קלאפן אן אמתדיק יידיש הארץ אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. מען וועט שטארק פילן דעם פארלוסט פון אזא אייגנארטיקן יידישן קעמפער ווי ל. אלמאן, ע"ה.

כבוד זיין אנדענקען!

## אהרן ר. ראלין

### פרייע פלאטפארמע

צום רעדאקטאר פון די אידישע שטימע חשובער פריינד ליסקי

איך בין געווען אוועק פון לאנדאן א געוויסע צייט און ניט געהאט די מעגלעכקייט צו לייענען אייער צייטונג רעגולער, ווי געוויינלעך. קומענדיק א היים האב איך געלייענט אין „די אידישע שטימע" פון 13'טן מערץ א באריכט פון אייער רעפעראט און סעמינאר פאר אידיש וויסן אויף דער טעמע „דער געשיכטליכער פראצעס פון דער אידישער אסימילאציע אין ענגלאנד". און דעם לאנגן באריכט ווערט איבער דריי פערטל פלאץ פארנומען מיט א פארזוך צו געבן די געשיכטע פון די אידן אין ענגלאנד אין מיטלאלטער. וואס די שרעקלעכע מארטירעלאגיע פון יענע אידן האט צי טאן מיט א סימילאציע פארשטיי איך ניט. איר זאגט דאך אליין אז די אידן זיינען געווען געצוואונגען צו בלייבן איזאלירט אלס רעליגיעזע גרופע פאראכטעטע און באליידיקטע". זיי זיינען אויך אפט געווען פאגראמירטע און געפייניגטע, איז ווי פאסט זיך דא אריין אסימילאציע? אבער צוליב דעם אליין וואלט איך ניט געשריבן די שורות. וואס מיר וואנדערט איז אייער ווייטערע באהויפטונג אז „ווען מען האט די אידן ארויסגעטריבן פון ענגלאנד אין יאר 1290 זיינען פינף טויזנט פון די דאזיגע אידן געבליבן און האבן געפירט א מאראנער לעבן (ד. ה. אלס געהיימע אידן אדער אנוסים, א.ר.ר.) ביז דעם 16'טן יאר הונדערט".

פון וואנען האט איר גענומען די אויסערגעוויינלעכע אינפארמאציע? ווי

אייך איז אפשר באקאנט האב איך גאר א סך צייט זיך אפגעגעבן מיט פארשן די ענגליש־אידישע געשיכטע, די אלטע און מאדערנע, און געשריבן וועגן דעם אין אידיש און אין ענגליש. איך האב אין ערגעץ ניט געפינען אן אנווייזונג אז נאך דעם ווי די אידן זיינען געווארן פארטריבן פון ענגלאנד אין 1290 זיינען וועלכע ניט איז אידן פארבליבן אין לאנד אויסער ווייניקער ווי הונדערט געשמדטע מענער און פרויען אין „משומדים הויז" (דאמוס האנווערסארום) וואס הענרי דער דריטער האט געגרינדעט. עס איז באקאנט אז פאר איבער 200 יאר נאכן גירוש זיינען כמעט און גאנצן ניט געווען קיין אידן אין ענגלאנד.

ערשט נאכדעם ווען די אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון שפאניען אין 1942 און פון פארטוגאל מיט עטלעכע יארן שפעטער, און די אינקוויזיציע האט גענומען פייניקן די אנוסים, זיינען א געוויסע צאל פון די לעצטע געקומען נאך ענגלאנד וואו זיי האבן נאך אלץ אפיציעל געלעבט אלס קריסטן.

ווען מנשה בן ישראל איז געקומען אין לאנדאן אין יאר 1655 צו אפעלירן מען זאל די אידן צוריק ארייגלאזן אין ענגלאנד, האבן דא געלעבט א פאר צענדליק געהיימע אידישע משפחות וועלכע זיינען געקומען פון שפאניען און פארטוגאל. איר זאגט ווייטער פאלגנדיקעס: — „ער (מנשה) האט פאראייניגט יענע וואס זיינען געווען ארגאניזירט און די פרייע צו איין קהילה אין יאר 1664".

ווער זענען עס געווען די „ארגאניזירטע" און די „פרייע" אידן אין יענער צייט? יעדנפאלס, אין יאר 1664 איז מנשה בן ישראל שוין געווען טויט זיבן יאר, ווייל ער איז געשטארבן אין האלאנד אין נאוועמבער 1657 צוויי חדשים נאכדעם ווי ער איז געקומען פון ענגלאנד א צובראכענער און אנטוישטער ווייל ער האט געמיינט אז זיין שליחות אין ענגלאנד איז געווען א דורכפאל.

עס איז אויך א טעות אז „אין יאר 1690 האט מען אויסגעבויט די ערשטע סינאגאגע אין לאנדאן".

שוין אין דעצעמבער 1656 איז א הויז אין קרי טשוירטש ליין איינגעריכטעט געווארן אלס א שול וועלכע איז אפט באזוכט געווארן פון נייגעריקע קריסטן. איינער אזא באזוך איז פארצייכנט געווארן אין בארימטן טאג בוך פון סעמועל פעפיס אין אקטאבער 1663.

נו, אז מען שרייבט וועגן געשיכטע אין איילעניש אן גרינטלעכע אויספאר־שונג פארפלאנטערט מען זיך אין ציפערן און דאטעס, און עס קומען ארויס די פארדריסלעכע טעות'ן.

אבער אייער באהויפטונג אז פינף טויזנט אידן זיינען פארבליבן אין ענגלאנד אלס מאראנען (אנוסים) נאכן גירוש פון 1290 איז גאר אן אנדער מעשה. דאס איז א סארט נייע אנדערונג וועלכע פאדערט א פולע דערקלערונג פון אייך.

איך האב דעם כבוד צו זיין אין קוינסיל פון דער „אידישער היסטארישער געזעלשאפט אין ענגלאנד" צוזאמען מיט כמעט אלע היינטיקע אידיש — ענגלישע פארשערס און שרייבערס וועגן דער געשיכטע פון די אידן אין ענג־לאנד. איך בין זיכער אז זיי אלע וועלן זיין נייגעריק צו הערן פון אייך די



דערקלערונג פון וועלכן מקור איר האט גענומען אייער באהויפטונג אז 5000 מאראנען זענען פארבליבן אין ענגלאנד נאכן גירוש פון 1290.

איר זייט אויך שולדיק די דערקלערונג צו אייערע לייענער.

מיט פריינדלעכן גרוס,

אהרן ר. ראלין

35 Heathfield Gardens, London, N.W.11. 17.4.64

איך האף איר וועט עס דרוקן אין קומענדיקן נומער פון די אידישע שטימע

ליבער פריינד שטענצל,

איך שיק אייך דא א פינקלעכע קאפי פון דעם בריוו וועלכן איך האב געשיקט צו „די אידישע שטימע", און דער רעדאקטאר האט זיך ענטזאגט צו דרוקן עס. ער זאגט אז עס איז א צו שארפער ארויסטרעט קעגן עם.

איך זע אבער ניט איין ווי אזוי איך קען דעם בריוו אנדערש שרייבן. ווען איינער גיט אן ניט ריכטיקע פאקטן אדער דאטעס ווען ער רעט אדער שרייבט וועגן די געשיכטע פון די אידן אין ענגלאנד אדער געשיכטע און אלגעמיין מוז מען אים אויפווייזן דעם אמת *.

אזוי ווי דער ענין האט צו טאן מיט א פארטראג אין אייער „סעמינאר פאר יידיש וויסן" האף איך אז איר וועט געפינען פאר נויטיק צו דרוקן מיין בריוו אין אייער „לשון און לעבן".

מיט חבר'שן גרוס,

אייער אהרן ר. ראלין

י. א. ליסקי

„דער געשיכטליכער פראצעס פון דער אידישער אסימילאציע" אין ענגלאנד **

רעפעראט אין „סעמינאר פאר אידיש וויסן"

לאנדאן. — פארגאנגענעם דינסטיק, דעם 25־טן פעברואר, האט י. א. ליסקי, דער רעדאקטאר פון דער וואכנצייטונג „די אידישע שטימע", געהאלטן א וויכטיקן רעפעראט אויף דער טעמע: „דער געשיכטליכער פראצעס פון דער אידישער אסימילאציע" אין ענגלאנד.

י. א. ליסקי האט באריכט דעם פראצעס אין דעם ווידערשטאנד צו אסימילאציע פון די ערשטע אידן, וואס וויליאם דער קאנקערער, האט אהער געבראכט אין דער צווייטער העלפט פון צענטן יאר־הונ. דאס זענען געווען גרופן פון פינאנץ מענער, וועלכע האבן געבראכט געלדס צו די לארדן און זיי האבן אויסגעבארגט געלד צו שטארקן די שאץ־קאמער פון דער מלוכה. אין יענער צייט האבן זיך אנטוויקלט די ערשטע קהילות אין לאנדאן, יארק בריסטאל, קענטערבורי. פריער זענען ניט געווען קיין אידן אין ענגלאנד, און אויב עס זענען געווען אידן, ווייסט מען גישט וועגן זיי.

די אידן וואס האבן אונטער וויליאם דער קאנקערער אנטוויקלט אידישע קהילות אין ענגלאנד, זענען געווען שטארק רעליגיעז, און זיי האבן געשטרעבט אויפצוהאלטן זייער אידענטיטעט, האט געזאגט דער רעדנער.

די אידן אין יענער צייט האבן אבער דורכגעמאכט א פעריאד פון שווערע איבערלע־בונגען, ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער ערשטער צוג פון די קריית טרעגער און ריטער — ליטער צו פארשטארקן די קריסטליכע רעליגיע.

אין יאר 1114 האבן די דאמאלסדיקע אידן אין ענגלאנד אנגעהויבן צו פארלירן זייער אמונה אין לאנד, זייערע קאפיטאלן זענען אויסגענוצט געווארן, און זייער רעליגיעזע אמונות, האט זיך אנגעהויבן צו ברעכן. מען האט אויך זיי געמאכט א בלוט בלבול אין דער שטאט איז פארגעקומען אין נארידש. דער אויסגעטראכטער קרבן פון דעם בלוט־בלבול

---

* איך האב עס א פאר מאל פריער געטאן, און מאקע אין „די אידישע שטימע".

** אין קומענדיק דעם בריוו פון פריינט אהרן ר. ראלין האב איך פארגעשלאגן פריינט י. א. ליסקי ער זאל אנשרייבן זיין ענטפער, כדי גלייכצייטיק אפצודרוקן. האט מיר ליסקי געגעבן די רעצענזיע פון „די יידישע שטימע" פון 13־טן מערץ 1964 אויף וועלכער ראלין פאר־רופט זיך, און זאל דער לעזער בעאורטיילן.—ד.ג.

װערט באצייכנט אין דעם אויסגעטראכטן ריטועלן מארד אלס „הױ פון לינקאלן".

אין דעם דריטן קרייץ צוג ביים סוף פון 11־טן יאר הונדערט האט מען שוין געמאכט פאגראמען אויף די דאמאלסדיקע אידן, באזונדערס אין לאנדאן און אין יארק. מען האט זיי אפגערױבט און זיי זענען פאראַרימט געװארן. די אנפירער ין לאנד האבן זיך געגויטיקט אין קאפיטאל, האבן זיי ארויפגעלייגט א באזונדערן שטייער אויף די אידן, און כדי, וואס מער פון זיי צו באקומען געלד, האט מען זיי איזאלירט און מען האט זיי געצוואונגען צו טראגן א באזונדערן אפצייכן. די ערשטע געלע לאטע. דאס האט די דאמאלסדיקע הערשער געגעבן א מעגליכקייט זיי צו עקספלואט־רן און וואויל צוגעפעלן אין די אויגן פון די קרייץ לויפער, און ריטער גלויביקע. די אידן האבן דאמאלס באהבה אנגענומען זייערע ליידן און האבן זיך נישט אסימילירט און נישט אפגעטרעטן פון זייער גלויבן. דאס איז געווען אונטער דער הערשאפט פון „דזשאן" ביים סוף עלפטן יאר הינדערט און אנהויב צוועלפטער יאר הונדערט אויך אונטער „העגרי דער דריטער". די ענגלישע לארדן האבן דאמאלס געפירט קריג צווישן זיך און די אידן פון יענער צייט האבן ביטער געליטן. זיי האבן געהאט אויך זיך א בליט בלבול און האבן שיין געטראגן די געלע לאטע. דער האנדל מיט געלד איז אויך געווארן שוואכער, ווייל עס האט אין יענער צייט אנגעהויבן אריינקומען קאפיטאל פון איטאליענישע באנקירן. די אידן זענען געווען געצוואונגען צו בלייבן איזאלירט אלס רעליגיעזע גרופן, פאראַרימטע און באליידיקטע. זיי האבן פארויס געזען דעם אנטגילטיקן גרוש, און זיי האבן זיך גענומען גרייטן צו א לעבן אלס מאראנער. זיי האבן געקליבן צווישן זיך די שטארקסטע כוחות און האבן זיך צוגעפאסט צו דער קריסטליכער רעליגיע און האבן געפלאנט זייער טאפלט רעליגיעז לעבן.

ווען מען האט די אידן ארויסגעטריבן פון ענגלאנד אין יאר 1290 זענען 5 טויזנט פון די דאזיקע אידן געבליבן, און האבן געפירט א מאראנער לעבן, ביז צו דעם 16־טן יאר הונדערט. עס איז אויך געווען א געשלאסענע אינהייטליכע מאראנען קאלאניע אין ענגלאנד, אבער זי איז צעפאלן געווארן אין אנהייב זיבנצטן יאר הונדערט מנשה בן ישראל, וועלכער האט אויסגעפילט רעכט פאר אידן אין ענגלאנד אין יאר 1655 אין דער צייט פון קראמוועל, האט די דאזיקע ענגלישע מאראנער צוריקגעבראכט צום עפנטליכן אידישן לעבן. ער האט פאראייניקט יענע וואס זענען געווען ארגאניזירט און די פרייע צו איין קהילה אין יאר 1664. די ערשטע ספרדישע קהלה איז דאן פארשטארקט געווארן דורך דעם געזעץ, וואס מנשה בן ישראל האט אויסגעפילט, מיט ניי געקומענע רייכע אידן, וואס זענען געקומען פון מערב אייראפע, און פון אשכנז דייטשלאנד. אין יאר 1690, האט מען אויסגעבויעט די ערשטע סינאגאגע אין לאנדאן, און דער געשיכטליכער פראצעס פון דער אידישער אסימילאציע האט אנגענומען נייע פארמען.

## בערל ראזנער, ע"ה

בערל ראזנער, פארזיצער פון דער בונדישער גרופע אין לאנדאן, איז פרייטאג, דעם 16טן אקטאבער, 1964, פלוצלינג געשטארבן. אט די ידיעה האט געמאכט א שווערן איינדרוק אויף אלע זיינע חברים און פריינט.

אין פארלויף פון איבער פופציק יאר אין אונזער יישוב איז בערל ראזנער געווען זער אקטיוו אין ארבעטער־אינטערעסן און קולטור־ענינים.

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט — שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 24'סטן אקטאבער — א פארטראג פון בעלא וויינער.

שבת, דעם 31'סטן — יהודה ביעטש ע"ה, מ'וועט לייענען ביעטשס דערציילונגען און ריידן איבערן נפטר.

שבת, דעם 7'טן נאוועמבער: 100'טער געבורטסטאג פון קליינעם מענטשעלע פון מענדאלע מוכר ספרים.

שבת, 14'טן — א פארטראג פון סעם לעוו.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 396) פינף און צוואנציקסטן יאר דעצעמבער 1964 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| חנוכה־לידער, אונזער יאר־בילאנסל 1964 | ** | 1 |
| די צוויי געשיכטעס וועגן חנוכה (עסיי) | י. ריכטיגער | 6 |
| ריטם (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 9 |
| דור דור ודרשיו (לכבוד חנוכה) | א. ב. לאנדמאן | 10 |
| יהודה ביעטש ע.ה. (מיין ערשטע באגעגנונג מיט אים) | משה בעקערמאן | 11 |
| יהודה ביעטש ע.ה. (אן אפהאנדלונג) | איזיק גאלדבערג | 14 |
| פון תוהו ובוהו ארויס . . . (פראזע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| וולאדימיר גראסמאן — אכציק יאר | אהרן ר. ראלין | 35 |
| קולטור־ידיעות | | |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס | | 40 |

דער קולטור־קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס און דער פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן, ענגלאנד לאדן איין צו אונזער

## לעבעדיקע צייטונג

זונטיק, דעם 13־טן דעצעמבער, 1964, פונקט 3 א זייגער אין
21 Dean Street, London, W.1.

אונטער דער רעדאקציע פון י. נאטאני

1. לייטארטיקל — דער רעדאקטאר
2. יידיש לעבן אין מעקסיקא — א. גרינבאום
3. איינדרוקן פון א באזוך אין ניו־יארק — מ. זילבערבערג
4. אמסטערדאם — אמאל און היינט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי — קומט אין צייט

## פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press 129-131 Cavell Sreet, London. E.1*